היסטארישן קאמף קעגן דער יידישער שקלאפעריי אין רוסלאנד.

נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה האט גראסמאן געוואוינט אין פאריז אסך יארן. ער האט ליב געהאט מיט אלע זיינע אברים די שטאט פאריז און אנגעשריבן א באגייסטערטן בוך וועגן דער שטאט אין יידיש. אבער קיין יידישן פארלעגער האט ער ניט געפונען. האט ער דאך בוך אפגעדרוקט אויף העניש אין א גרויסן קאפענהאגענער פארלאג, וועלכער האט פריער געדרוקט זיינע ביכער וועגן אלטן און נייען רוסלאנד. שפעטער־צו האט ער פאר דעם בוך „פאריז" באקומען אן אינטערנאציאנאלן פרייז פון דער פראנצויזישער רעגירונג.

אין פאריז האט ער רעדאגירט די ערשטע דארטיקע טאג־צייטונג, „פאריזער היינט", וועלכע איז געווען גוט־פארשפרייט. שפעטער־צו האט ער פאר א קורצער צייט ארויסגעגעבן א קונסט־צייטונג מיטן נאמען „זיבן טעג אילוסטרירט", געגרינדעט די פאריזער אפטיילונג פון דער יידישער טעלעגראפן־אגענטור, איט"א, און מיטגעהאלפן אין אלע קולטורעלע און פראגרעסיווע אונטערנעמונגען.

אין 1936 באקומט גראסמאן אן אויפטראג צו גרינדן אן „ארט"־ארגאניזאציע אין קאנאדע, און די ארבעט דארט האט אים שטארק באפרידיקט.

א גרויסן גייסטיקן פארגעניגן האט ער אויך געהאט פון זיין זשורנאליסטישער און שרייבערישער טעטיקייט. ער האט רעגולער מיטגעארבעט אין דער ענגלישער צייטונג, „מאנטרעאל געזעט"; און דער בארימטער ענגלישער פארלאג, מאקמילען, האט ארויסגעגעבן אין 1944 זיין בוך, „פאן־גערמאנישער שפינוועב", וואס איז זייער גוט אויפגענומען געווארן אין קאנאדע און אין ענגלאנד. פאר דעם בוך האט ער שפעטער באקומען אן אויסצייכענונג, דעם „קעניג קריסטיאן פרייהייטס־מעדאל", פון דער דענישער רעגירונג.

היינט וואוינט דער אכציק־יאריקער וולאדימיר גראסמאן אין דער שווייץ, און איז נאך אלץ שטארק באשעפטיקט מיט זיינע סאציאלע און ליטעראריש ארבעטן. זיינע רעגולערע ארטיקלען אין „אונזער שטימע" פון פאריז און אין דער „פרייע ארבעטער שטימע" פון ניו־יארק, ווערן געלייענט מיט גרויס אינטערעס און צופרידנקייט.

פון זיינע ביכער אין יידיש, זיינען אמבעסטן באקאנט „אמאל און היינט", א גאר אינטערעסאנט מעמואריסטיש בוך און „געארג בראנדעס און פעטער קראפאטקין", א בוך, וואס באלייכט די צוויי גרויסע גייסטער פון נייצן יארהונדערט.

איצט ווערט פארטיק אין פאריז א ניי בוך פון וולאדמייר גראסמאן, „מענטשן און פראבלעמען", מיט אפהאנדלונגען וועגן אקטועלע פראגן און באַרימטע פערזענלעכקייטן. אין א בריוו, וואס איך האב ניט לאנג צוריק דערהאלטן, שרייבט מיר וולאדימיר גראסמאן, אז ער דענקט דאס וועט זיין דאס לעצטע בוך פון אים. לאמיר האפן, אז ער מאכט א טעות און ווינטשן אים נאך אסך יארן פון קולטורעלע און שרייבערישע טעטיקייטן.

מיט באשטעלונגען פארן בוך שרייבט צו:
Yivo Institute, 4 Devonshire St., London, W.1. Tel.: MUSeum 9253.

## יידיש - ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

אין בערנער סטר. 33, בערנארד בעראן סעטלמענט — שבת — 3 אזייגער

שבת, דעם 5'טן דעצעמבער — חנוכה־פראגראם.

שבת, דעם 12'טן — א פארטראג: די פוילישע־לאגע — סעם לעף.

שבת, דעם 19'טן — יידישע קולטור אין לאנדאן — סאך־הכל בילאנס.

256

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 5־4 (העפט 1־400) זעקס און צוואנציקסטער יאר אפר.־מאי 1965 לאנדאן

אינהאלט:

פרץ־פארטרעט (פאטא) ............ 2
צו דער 50'סטער יארצייט פון י. ל. פרץ (פרץ אונזער ציענדיקער נישט אויסגייענדיקער ניגון) ............ 3 (*
א כליזמר טויט (דערציילונג) ............ ל. פרץ 5
ר' שלמה פון די גאלדענע קייט (פראגמענט) ............ י. ל. פרץ 8
מיין נישט (ליד) ............ י. ל. פרץ 9
ביים אוהל־פרץ (פאטא) ............ 10
האפענונג און שרעק (עסיי) ............ י. ל. פרץ 11
דער דיכטער איז אוועק אויף זיין אייביקן וועג, א לויב צו אייך (צוויי לידער) ............ מנחם שטערן 13
אלמעכטיגער, יאוש (צוויי לידער) ............ שמואל וזהייט 13
אן שום ווידערשטאנד? ............ מאיר באגדאנסקי 14
צו א חבר (ליד) ............ שמעון וואזעק 17
פאר זיי . . . (ליד) ............ עלע זילבערג 18
מיינע טויטע, מצה (צוויי לידער) ............ יוסף לעפטוויטש 19
די אלט־נייע הגדה של פסח (עסיי) ............ י. ריכטיגער 20
דער וויי סימבאל ביים סדר (ליד) ............ א. ב. לאנדסמאן 23
אליהו הנביא'ס כוס (באלאדען) ............ י. ה. לעווי 24
א גאסט אויף א ווייל (הומארעסקע) ............ משה בעקערמאן 27
א פראטעסט פון די מלאכים (סאטירע) ............ ה. פאצאנאווסקי 30
אויף דער גרענעץ (פראזע), 19'טער אפריל 1965 (לידער און סטראפעס) א. נ. שטענצל 31
צו מיין קינד (ליד) ............ עלזע לאסקער־שילער 52
דער נביא (ליד) ............ פושקין 52
א מלאך (ליד) ............ לערמאנטאוו 53
צו די פוילישע יידן (ליד) ............ יאסף וויטלין 54
פון אנהויב איז געווען מורא (עסיי) ............ נ. מ. סידא 56
י. י. שווארץ (צו זיין ווערן א בן שמונים — עסיי) ............ יחזקאל בראנשטיין 59
מיין בן עיר פישל בימקע ז"ל (נעקראלאג) ............ ש. י. דארפזאן 61
„זיג" אין וויעטנאם (האלץ־שניט צייכענונג) ............ פ. 63
לאנדאנער קולטור ידיעות ............ 63
יידיש ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס ............ 64

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

**פרייז 2 שילינג**

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press.*
129-131 *Cavell Sreet, London. E.1*



י. ל. פרץ

## צו דער 50סטער יארצייט פון י. ל. פרץ

(פרץ אונזער ציענדיקער נישט איבערגעריסענער ניגון)

דער אייראפעאיש־וועלטלעכסטער און יידישלעך־פאלקסטימלעכסטער, דער סאציאל־באוווסטער און נשמה־פנימהדיקסטער פון אונזערע קלאסיקער; נישט נאר איז ער געווען ביי זיין לעבן דער שבכתב אין אלע מיני פארמען פון אונזער מאדערנער ליטעראטור, — דער פארגייער פון די ייִנגסטע שביינגסטע; — נאר מיט זיין שבעל־פה און מיט זיין פערזענלעכקייט איז ער געווען דער טאן־געבער און דער דריגענט פון דער יידישער קולטור.

50 יאר שוין נאך פרצעס התלקות און דער עכא פון זיין ציענדיקן ניגון קוילערט זיך נאך אלץ „צווישן צוויי בערג" באגלייט מיט זיינע שארפע, בליצן און באלעבט אונז מיט זיין טיפער פנימות און הויכער דבקות.

י. ל. פרץ, דער קלאסיקער פון דער מאדערנער יידישער ליטעראטור, איז דער טאטע פון אונזער נייער ליטעראטור. ערשט ווען דער טאטע איז דא ווערט דער זיידע א זיידע און דאס אייניקל — אן אייניקל! און ס'וואקסן אייביקע כוחות.

פרץ איז דער חוט המשולש וואס בונדט דאס בוך, אין א ליטעראטור — „ליטעראטור — און לעבן"! ער פארקניפט אונז ברודערדיק און דורותדיק; אונזער ראמאנטישער עבר, און פראבלעמאטישער עתיד ווערט רעאל לעבן. מיט כוה פון זיין גרויסער פערזענלעכקייט שמידט ער אונזערע קדושה־רינגען אין „די גאלדענע קייט" — דער ניגון־דבקותדיקער מצוה־טאנץ איז נישט איבערגעריסן.

* * *

פרץ גייט אין פאלק אריין, דורך אלע צייטן און שטחים, צייט און ארט ווערט אויפגעהויבן — ער זאמלט דאס פאלקס ליד, פארטיפט זיך אין פאלקלאר! דער פרץ־סטיל איז דאס הארפן שפיל אויפגעהאנגען פריי אין אלע פיר ווינדן — זיין ווארט איז אויפברויז, איז רעוואלוצע.

עס האט מענדעלע נאך מיט זיין לומדישן קפדנות אויף אונז אראפגעקוקט — אויפן נעבעכדיקן „יידל", אויף די בידנע „קלאטשע" אויפן „קליינעם מענטשעלע", — פון דער הויך, פון איבער זיינע קלארע, פונקלדיק געפיצטע שפאקולן אריבער האט ער אונז געוואלט מדריך זיין. שלום עליכם מיט זיין יידישלעך־ווארעמע האנט עמכדיק־שמייכלדיק אויסגעשטרעקט צו אונז: „מה שמך", האט געהאלטן אונזער שוואכן דופק און געזוכט אונז געזונט צו מאכן: „לאכן איז געזונט, דאקטורים הייסן לאכן".

פרץ, דער אייראפעאיש מאדערנער מענטש, האט צו אונז ארויפגעקוקט, מיט באוונדערונג, מיט התלהבות־באגייסטערונג, מיט פארגעטערונג, מיט פארגאפטע אויגן פול התפעלות: „מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ — יא", אויב נישט נאך העכער"! עס פארגלייזן זיך זיינע גרויסע, זיינע ליכטיקע, זיינע הימ־

ליש־פארגאפטע אויגן מיט דערבארמונג צו אונז און מיט חסד: „שבת־יום־טובדיקע יידן“ . . . נשמה־יתירהדיקע יידן“ . . .

* * *

וויפיל ווערטער ברויך נאך מענדעלע און ווי נוסחדיק פערלדיק מוז ער זיי אויסשלייפן, און שלום־עליכם גאנצע מאנאלאגן מוז ער נאך האבן, גאנצע מענה לשון׳ס איבער אונז פארגיסן. פרץ איז שוין אין דער בחינה פון „אין אומר ואין דברים בלי נשמע קולם“. פרץ מאכט דריי פינטעלעך און אלץ איז שוין דא, „הפוך בה הפוך בה“, סודותדיק פארשוויגן — א פינטל מיטן אויג! לויטער קאנטרא־פונקטן זיינען טיילמאל זיינע פינטעלעך — א זבענק אין קעסל־פויך! מען מוז נאר האבן צו זיי דעם מוזיק שליסל! . . . עס ציט זיך דער ניגון נאך מסיני, פונם בעל שם׳ס דבקות טאנץ, דער מארסעליעזע און בעטהאוון:

„ווייסע, ברוינע, שווארצע, געלבע —
מישט די פארבן אויס צוזאמען!
אלע מענטשן זיינען ברידער . . .
פון איין טאטן, פון איין מאמען!

עס איז די צענטע סימפאניע:

„אויך — איין גאט האט זיי באשאפן“! נישט נאר דער יום כפורדיקער, נאך נעילהדיקער „בייער ניגון“, „דער גילגול פון א ניגון“, די אין הימל אויס־גייענדיק, „אויב נישט נאך העכער“ סליחות און „מקבלים“־מעלאדיע, דער „שמע ישראל“־באס „בו, בו, בוה“ וואס בויערט אדורך די טיפענישן פונם הארץ: „בו, בו בוה“.

נישט נאר „צווישן צוויי בערג“, וואס בלויז דער עכא דערפון מאכט שטאלץ אויפציטערן פרייד־טרערן אויף די וועס, נישט נאר דער צוואהדיקע „קלעזמער טויט“, „שפילט אן מיר ווי מיט מיר, שפילט גוט“, וואס זייער טעמא, זיי תוכן איז מוזיק, איז מעלאדיע, איז ניגון, נאר יעדע דערציילונג פרצעס, יעדעס ליד איז פון דער טיפעניש אן אייפגעשפלטער, וואס נאכדעם ווי מ׳הערט אויף לייענען, ווו מ׳הערט אויף זינגען הערט די מעלאדיע נישט אויף צו זינגען, א טאן בלייבט אין הארץ און גראבט אלץ מעמקימדיקער אלץ טיפער: „מיין נישט,“ „מיין נישט“ און בויערט און בויערט: „בו, בו, בוה“.

* * *

ביי קיינעם פון אונזערע שרייבער איז נישטא אזויפיל מוזיק ווי ביי פרצן. דאס געזאנג פון אלע אונזערע דורות, דער יללה־זיפץ פון אלע אונזערע גלותן פלעכט ער אויס אין זיין הבדלה־הארמאניע פון דביקות־פלאמענדיקע, הייליק־ברענענדיקע טענער. עס מישן זיך די פלאמען אזוי פארביק צוזאמען אין איין טאנצנדיקן התלהבות־אויפגאנג.



י. ל. פרץ

# א כליזמר טויט

א סקעלעט ליגט אין בעט. א סקעלעט איבערגעצויגן מיט א געלער, דארער, טרוקענער הויט; מיכל כליזמר שטאַרבט אוועק. נעבן אים אויף א קאסטן זיצט מירל זיין ווייב מיט געשוואלענע אויגן —פאר געוויין. אין ענגן שטיבל זענען צעשפרייט זייערע 8 זין, אלע כליזמר. שטיל, קיינער רעדט נישט צום צווייטן; עס איז נישטא פון וואס צו רעדן. דער דאקטאר האט שוין לאנג אוועק געמאַכט מיט דער האנט, דער רופא אויך. אפילו ראובן פון הקדש, דער אמתער מומחה, האט אויך געהייסן שרייבן דריי פייען . . . קיין ירושה וועט נישט זיין, די חברה קדישא וועט געבן תכריכים און א קבר, די חברה נושאים — וועט נאך צוגעבן א טרונק־בראנפן . . . אלץ איז אפן און דייטלעך, נישטא פון וואס צו רעדן. איין מירל וויל זיך נישט אונטערגעבן! . . . זי האט נאך אלעם ערשט אויפס־ניי גאר געוואלדיק איינגעריסן די שול. איצט קומט זי ערשט פון קברים־מעסטן. זי האלט זיך אירס — „ער שטאַרבט דורך די קינ־דערס זינד. זיי זענען נישט פרום, הולטאַיען, דעריבער נעמט זיי גאט, ב״ה, דעם טאטן צו“ . . . „די קאפעלע פארלירט די קרוין; עס וועט שוין קיין שום חתונה קיין פנים נישט האבן, עס וועט ביי קיין ייד שוין קיין אמתע שמחה נישט זיין“.

גאטס רחמנות איז דאך גרויס. מען דארף שרייען, בעטן, וועקן! און זיי, די קינדער, די כליזמר־יונגען, „האבן גאר קיין רחמנות ניט, גייען אן לייבצו־העקלעך“ . . . ווען נישט די גרויסע זינד, האט זי א פעטער, א שוחט אין הימל; ער מוז דארטן זיין גאר דאס אויבערשטע פושטייסל, ער וואלט איר נישט אפגעזאגט! ביים לעבן, זכרונו לברכה, פלעגט ער זי שטענדיק גלעטן . . . ער איז איר אודאי היינט אויך נישט שלעכט. ער וואלט זיך געמיט, ער וואלט אלץ געטאן . . . נאר די זינד — שרייט זי — די זינד! „מען פארט אויף גוישע בעלער, מען עסט דארט ברויט מיט פוטער, גאט ווייסט וואס נאך! . . . אן ארבע כנפות . . . ער וועט דאך נישט דורכברעכן קיין מויער . . . ער טוט אודאי זיינס . . . אוי די זינד, די זינד!“

די זין ענטפערן נישט זיי קוקן אראפ אויף דער ערד; יעדער אין זיין ווינקעלע.

— עס איז נאך צייט! כליפעט זי, קינדער! קינדער! געוואלט קינדער! תשובה טוט!

— מירל, מירל, — רופט זיך אן דער קראנקער, — לאז געמאך, מירל, עס איז שוין פארפאלן, איך האב שוין מיינס אפגעשפילט, מירל. הער אויף, מירל, איך וויל שטאַרבן!

מירל ווערט אונטערגעצונדן:

— א רעכטע שיינע ריינע . . . ! שטארבן וויל ער! ושטאַרבן! און יעך, און מעך . . . ניין, איך וועל דיך נישט לאזן שטאַרבן, דו מוזט לעבן . . . דו

מוחט . . . איך וועל אזוי שרייען, אז עס וועט נישט קענען קומען צו יוצאת נשמה!" עס זעט אויס, אז אין מירלס האַרץ האָט זיך געעפנט אַן אַלטע, נישט פאַרהיילטע וווּנד.

— לאָז געמאַך, מירל — בעט זיך דער קראַנקער — מיר האָבן זיך ביידע שוין גענוג אָנגעשאַלטן ביים לעבן . . . גענוג . . . פאַרן טויט פּאַסט נישט אַזוינס . . . אוי, מירל, מירל, איך האָב געזינדיקט, דו האָסט געזינדיקט . . . נאָר אַן עק! . . שווייג בעסער! איך פיל כסדר ווי דער קאַלטער טויט קריכט מיר אַרויף פון די שפּיץ פינגער פון די פיס ביז צום האַרץ, עס שטאַרבט אַ צאָל נאָך אַ צאָל . . . שריי נישט, מירל . . . עס איז גלייכער אַזוי!

— תּייל דו ווילסט מיינער פּטור ווערן, פאַלט אַריין מירל אין די רייד, אוי, דו האָסט שטענדיק געוואָלט מיינער פּטור ווערן, וויינט זי ביטער, — שטענדיק! די שוואַרצע פּעשע איז דיר מער געלעגן אין האַרץ . . . דו האָסט שטענדיק געזאָגט, אַז דו ווילסט שטאַרבן. ווי צו מיינע יאָר . . . ער טוט אַפילו איצט קיין תּשובה נישט . . . אַפילו איצט . . . איצט.

— נישט נאָר די שוואַרצע פּעשע, — שמייכלט ביטערלעך דער קראַנקער.

— עס זענען אַ סך שוואַרצע פּעשעס געווען, און ווייסע אויך, און געלע אויך . . . נאָר דיך, מירל, האָב איך קיין מאָל נישט געוואָלט פּטור ווערן . . . אַ מויד איז אַ מויד, דאָס איז שוין אַ כּלי־זמרישע זאַך . . . עס ציט ווי אַ בלאָטער, עס איז עפּעס אַ מין ציעקאַוועשטש . . . אַ ווייב איז דאָך אַ ווייב! דאָס זענען צוויי גאָר אַנדערע זאַכן . . . געדענקסט, אַז די שוואַרצע פּעשע האָט דיר גערעדט אַ שלעכט וואָרט, האָב איך זי אין מיטן גאַס אויסגעציאַסקעט אויף אַלע ווייטן . . . .

— שווייג שטיל, מירל! אַ ווייב איז אַ ווייב! אויסער, —אַז מען גט זיך . . . אויך — טוט ווי דאָס האַרץ . . . גלויב מיר, מירל, איך וועל בענקען נאָך דיר . . . נאָך אייך אויך, קינדער! איר האָט מיר אויך גענוג צרות אָנגעטאָן, נאָר גאָר נישט . . . דאָס ליגט שוין אינעם פידעלע — אינעם כּלי־זמר לשון . . . איך ווייס, איר האָט מיך נישט ערלעך געהאַלטן, דאָך ליב געהאַט. אַז איך האָב אַמאָל געטאָן אַן איבעריקן טרונק־בראַנפן, האָט איר געוואָרציעט „שכּור" . . . מען טאָר נישט אַזוי, אַ טאַטן טאָר מען נישט . . . מילא . . . איך האָב אויך געהאַט אַ טאַטן און האָב אים אויך נישט בעסער באַהאַנדלט . . . נאָר אַן עק פון דער זאַך! . . . איך בין אייך מוחל.

ער איז מיד געוואָרן רעדנדיק.

— איך בין אייך מוחל, — האָט ער נאָך אַמאָל אָנגעהויבן נאָך אַ פּאָר סעקונדן. ער האָט זיך אַביסל אונטערגעהויבן אויפן בעט און באַטראַכט דעם עולם . . .

— זע נאָר, — זאָגט ער פלוצלינג, די ביקעס! אַריינגעשלאָגן די אויגן אין ד'ערד אַריין, גלייך עס קען קיין צוויי נישט ציילן!

— האַ? פאַרט אַ שאָד אַ טאַטע! כאַטש אַ שכּור, האַ?

דער יונגסטער זון האָט אויפגעהויבן די אויגן. אין דער אייגענער רגע האָבן אים די ברעמען אָנגעהויבן ציטערן, און ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ געוויין.



די רעשט ברידער זענען אים נאָך. אין אַ מינוט אַרום איז דאָס גאַנצע פיר־איילענדיקע שטיבל פול געווען מיט יללה . . .

דער קראַנקער האָט געקוקט און געשעפּט נחת.

— נו, מאַכט ער ראַפּטעם מיט אַ פרישן כּח, — גענוג! איך האָב מורא, עס וועט מיר צו־פיל אַ שאָד זיין! גענוג קינדער! פאָלגט אַ טאַטן!

— רוצח! שרייט מירל, — רוצח, לאָזן זיי וויינען, זייערע טרערן קענען העלפן, רבונו של עולם . . .

— שווייג מירל, — האַקט איר דער קראַנקער איבער, — איך האָב דיר שוין געזאָגט, איך האָב מיינס שוין אָפּגעשפּילט . . . גענוג . . . עה! חיים, בעריל . . . יונה . . . אַלע! הערט! געשווינד, נעמט די כּלים!

אַלע גלאָצן אויס די אויגן.

— איך הייס — מאַכט דער קראַנקער, איך בעט אייך! טוט מיר צו ליב, נעמט די כּלים און קומט צו צום בעט!

די קינדער האָבן געפאָלגט און אַרומגעשטעלט זיך ביים בעט; דריי פידל, איין קלאַריאַנעט, אַ באַס, אַ טראָמפּייט . . .

— לאָז מיך הערן ווי די קאַפּעלע וועט שפּילן אָן מיר . . . — מאַכט דער קראַנקער.

— מירלשי, איך בעט דיך, רוף דערווייל אַריין אונזער שכן.

דער שכן איז געווען דער שמש פון דער חברה נושאים. מירל האָט נישט געוואָלט לכתחילה גיין, נאָר ער האָט אויף איר געקוקט מיט אַזאַ מין געבעט, אַז זי האָט אים געמוזט פאָלגן. (שפּעטער האָט זי דערציילט, אַז דער מירלשע און דער קוק פאַרן טויט זענען געווען גאָר להבדיל די אייגענע ווי באַלד נאָך דער חופּה . . .) „איר געדענקט, קינדער, — מאַכט זי — זיין זיס **קול און זיינע אויגן!"**

דער שמש פון דער חברה נושאים איז אַריינגעקומען. ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויפן חולה און געזאָגט:

— זייט מוחל, מירל, רופט אַריין אַ מנין.

— מען דאַרף נישט — רופט זיך אָן דער קראַנקער, — וואָס טויג מיר אַ מנין? איך האָב מיין מנין, מיין קאַפּעלע! גיי נישט, מירל, איך דאַרף נישט קיין מנין . . .

און, אויסדרייענדיק זיך צו די קינדער, מאַכט ער:

— הערט קינדער . . . שפּילט אָן מיר, ווי מיט מיר, שפּילט גוט. זייט נישט קיין שקצים אויף אָרעמע חתונות . . . האַלט ערלעך די מוטער, און איצט שפּילט מיר אָפּ די וידוי . . . אונזער שכן וועט פאַרזאָגן . . .

און — די פיר־איילנדיקע שטוב איז געוואָרן פול מיט מוזיק.

ווערט אַ מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון"

י. ל. פרץ

## ר׳ שלמה פון די גאלדענע קייט

שבת זאל זיין, שבת.
מיט צוואנגען האלט איך שבת איין.
נישט גע׳פסק׳ענט, נישט געשטראפט!
עס הענגט אין דער הייך דארט א וואג,
פארן כסא הכבוד . . .
וויגט זיך, וויגט זי זיך די וואג . . .
ס׳צונגעלע צאפעלס, צאפעלט . . .
א מצוה׳לע טוט א יוד
און — איין עבורה׳לע . . .
שטעלען קען זי זיך נישט . . .
נישט כולו חייב
נישט כולו זכאי
צאפעלט זי . . .
און אל רחום וחנון קוקט!
העלפען קען ער נישט . . .

און זיצט ער, משיח
אין די טויערן פון רוים
אוןווארט.
גיין קען ער נישט . . .
די וואונדען היילען זיך נישט . . .
ער בינדט זיי אויף,
ער בינדט זיי צו —
און גיין, לייזען אויס די וועלט
קען ער נישט!
און קיין כוח צו ווארטען איז נישטא . . .
אין מרה שחורה זינקט אריין די וועלט!
אויסגעלויזט מוז ווערן די וועלט.
שבת זאל זיין! שבת.
נישט געאקערט,
נישט געזייעט,
נישט געבויט און נישט פעררינכט . . .
נישט געהאנדעלט, נישט געוואנדעלט . . .
חרוב זאל ווערען די וועלט!
און מיר —
מיר שבת׳דיקע,



מיר יום־טוב׳דיקע
מיר נשמה־יתרה׳דיגע יודן,
וועלן איבער איהרע חורבות גיין . . .
צו איהם, צו איהם.
זינגענדיג און טאנצענדיק וועלן מיר גיין
צו איהם!
זינגט מיט מיר!
טאנצט מיט מיר!
און אזוי!
אזוי געהען מיר.
זינגעדיג און טאנצענדיג . . .
מיר גרויסע, גרויסע יודען,
שבת־יום־טוב׳דיגע יודען,
די נשמות פלאקערן!
פאר אונז וואלקען — שפאלטען זיך,
הימלען — פראלען די טויערן אויף
און ענן הכבוד שווימען מיר אריין.
צום כסא הכבוד צו,
צום כסא הכבוד!
אויפן אבן שיש טהור
שטעהען מיר!
און מיר בעטען נישט,
און מיר בעטלען נישט,
גרויסע שטאלצע יודען זענען מיר —
זרע אברהם . . . יצחק ויעקב!
לענגער ווארטען נישט געקאנט!
שיר השירים זינגען מיר,
זינגענדיג טאנצענדיג געהען מיר!

י. ל. פרץ

## מיין נישט

מיין נישט די וועלט איז א קרעטשמע — באשאפן,
מאכן א וועג מיט פויסטן און נעגל
צום שענק־פאט און פרעסן און זויפן, ווען אנדערע
קוקן פון וויטן מיט גלעזערנע אויגן,
פארחלשט און שלינגען דאס שפייעכטס און ציען
צוזאמען דעם מאגן, וואס ווארפט זיך אין קרעמפן! —

א, מיין נישט די וועלן איז א קרעטשמע!
דער שטארקער זאל האנדלען מיט מידע און שוואכע,

זאל קויפן ביי ארעמע מיידלעך די בושה,
ביי פרויען די מילך פון די ברוסטן, ביי מענער
דעם מארך פון די ביינער, ביי קינדער דעם שמייכל,
דעם זעלטענעם גאסט אויפן וואקסענעם פנים —
א, מיין נישט די וועלט איז א בערזע!

מיין נישט די וועלט איז א הפקר — באשאפן
פאר וועלף און פאר פיקסן, פאר רויב און פאר שווינדל!
דער הימל — א פארהאנג, אז גאט זאל נישט זעען!
דער נעפל — מען זאל אויף די הענט דיר נישט קוקן!
דער ווינט — צו פארשטיקן די ווילדע געשרייען!
די ערד איז צו זאפן דאס בלוט פון קרבנות —
א, מיין נישט די וועלט איז א הפקר!

די וועלט איז קיין קרעטשמע, קיין בערזע, קיין הפקר!
געמאסטן ווערט אלעס, געוואויגן ווערט אלעס!
קיין טרער און קיין בלוטיקער טראפן פארגייען,
אומזיסט ווערט קיין פונק אין קיין אויג נישט פארלאשן!
פון טרערן ווערט טייכן, פון טייכן ווערט ימים,
פון ימים — א מבול, פון פונקען — א דונער —
א, מיין נישט לית דין ולית דיין!



ביים פרץ - אוהל

פאטאגראפירט 1963 — ענני גאלד





## האפנונג און שרעק

. . . מיין הארץ איז מיט אייך.

מיין אויג ווערט נישט זאט פון אייער פלאמענדיגער פאהן; מיין אויער ווערט נישט מיעד, הערענדיג אייער מעכטיג געזאנג.

מיין הארץ איז מיט אייך; זאט דארף זיין דער מענש, און ליכטיג דארף איהם זיין . . . און פריי מוז ער זיין, און האבען איבער זיך צו שאפען, איבער זיך און זיין ארבייט.

און אז איהר בייסט די פויסט, וואס וויל אייך אייער פריי ווארט, אייער ברענענדיגען פראטעסט צוריק ארייגזעצען אין דער קעהל, מען זאל עס נישט הערען — פרייט מיך; בעט איך גאט, ער זאל אייך שארפען די ציינער. און ווען איהר מארשירט אויפ׳ן אלטען סדום און ווילט עס איינרייסען, געהט מיין נשמה מיט אייך; און די זיכערקייט, אז איהר מוזט זיגען, מאכט מיך פול און ווארימט און בערוישט מיך, ווי אלטער ווייך . . .

און דאך . . .

און דאך האב איך פחד פאר אייך.

איך שרעק מיך פאר בעצוואונגענע, וואס זיעגען, עס קענען פון זיי בעצווינגער ווערען, און יעדער בעצווינגער זינדיגט קעגען מענשליכען גייסט...

ניט רעדט מען נישט צווישען אייך, אז די מענשהייט דארף מארשירען, ווי איין ארמעע אין פראנט און איהר וועט איהר פארשפיעלען דעם מארש אויפן וועג?

און דאך איז די מענשהייט קיין ארמעע נישט.

שטארקערע געהען פאראויס, הארציגערע פיהלען טיעפער, שטאלצע וואכסען העכער — צי וועט איהר נישט אונטערהאקען די צעדער, זיי זאלען נישט איבערוואכסען דאס גראז?

צי וועט איהר נישט פערשפרייטען אייערע פליגעל איבער דער מיטעלמעסיגקייט? צי וועט איהר נישט פערפאנצערן די גלייכגילטיקייט און באשיצען נור די גרויע, גלייך געשוירענע סטאדע?

---

איך פארכט מיך פאר אייך.

אלס זיעגער קענט איהר די ביוראקראטיע ווערען: אויסצוטיילען יעדען זיין ביסען, ווי פאר ארימע לייט אין הקדש; אבצומעסטען יעדען זיין ארבייט, ווי לעקציעס אויף דער קאטארגע. און איהר וועט פערטיליגען דעם בעשעפער פון בייע וועלטען — דעם פרייען מענשליכען ווילען, און פערשיטען דעם ריינסטען קוואלן פון מענשליכען גליק — די מענשליכע איניציאטיווע — די קראפט וואס שטעלט איינעם קעגען טויזענדער, קעגען פעלקער און געשלעכטער . . . און איהר וועט מעכאניזירען דאס לעבען און הייסען עס פערברענען אין קאשארען.

און איהר וועט זיין פערנומען מיט רעגלאמענטירען: מיט שרייבען, פער־

ציכענען און שאצען . . . מיט פארשרייבן: ווי הויך און ווי אפט עס מעג שלאגען א מענשליכער פולס, ווי ווייט עס מעג זעהען א מענשליך אויג, ווי פיעל עס קען פערנעהמען זיין אויער, און וואס פאר א חלומות עס מעג האבען דאס פערבענקטע הארץ.

---

מיט הארציגער פרייד קוק איך, ווי איהר רייסט איין די מויערן פון אלטען סדום; מיין הארץ אבער ציטערט דערביי, איהר זאלט אויף זיינע חורבות קיין נייעם, קיין ערגערן נישט בויען — א קעלטערן, א פינסטערערן!

עס וועלען קיין שטיבער אהן פענסטער נישט זיין; נור אין נעבעל וועלען איינגעהיעלט זיין נשמות . . .

עס וועט קיין לערער מאגען נישט זיין, נור זעלען וועלען הונגערן . . . קיין וועה־געשריי וועט קיין אויער נישט פערנעמען, נור דער אדלער — דער מענשליכער גייסט, וועט מיט אבגעשניטענע פליגעל שטיין ביי דער קאריטא גלייך מיט דער קוה און מיט'ן אקס . . .

און די גערעכטיגקייט, וואס האט אייך בעגלייט אויפן דארניגען און בלוט־טיגען וועג צום זיעג, וועט אייך פערלאזען, און איהר וועט עס נישט מערקען: דאצו זענען זיעגער און הערשער בלינד, און איהר וועט זיעגער און הערשער בלינד, און איהר וועט זיעגער און הערשער זיין. און איהר וועט זינקען און אונגערעכטיגקייט, און איהר וועט נישט פיהלען דעם זומפף אונטער אייערע פיס . . . פעסט פיהלט זיך יעדער הערשער, כל זמן ער איז נישט געפאלען . . .

און געפענגענישען וועט איהר בויען פאר די, וואס וועלען אויסשטרעקען די האנד, צו ווייזען אייך דעם אבגרונד, צו וועלכען איהר זינקט . . . און אויס־רייסען פון די מיילער וועט איהר די צונגען, וואס וועלען אייך ווארענען פאר די, וואס וועלען נאך אייך קומען, אום אייך און אייער אונגערעכטיגקייט צו פערניכטען . . .

גרויזאם וועט איהר פערטיידיגען די גלייכבערעכטיגונג פון דער סטאדע צום גראז אונטער איהרע פיס און צום זאלץ איבער איהר קאפ, און אייערע פיינד וועלען זיין: פרייע אינדיווידוען, איבער־מענשען, געניאלע ערפינדער, פראפעטען, ערלעזער, דיכטער און קינסטלער . . .

---

אלץ, וואס עס געשעהט, געשעהט אין רוים און צייט . . .

אויפן פלאץ איז דאס שוין געשעהענע, דאס שטאנדהאפטע, פעסטע, און דעריבער: דאס פערגליווערטע און געפרוירענע, דער היינט, וואס דארף און מוז אונטערגעהען . . .

די צייט איז פערענדערונג, זי בייט, ענטוויקעלט; זי איז דאס אייביגע אויפ־שפראצען, אויפבליהען, — דער אייביגער מארגען . . .

און אז פון אייער „מארגען“ צו וועלכען איהר שטרעבט וועט ווערען „היינט“, וועט איהר זיין די פערטיידיגער פון „נעכטיגען־טאג“, פון אבגעש־טארבענעם, פון טויטען . . . וועט איהר טרעטען די שפראצען פון מארגענדיגען טאג און פער־טיליגען זיינע בליטהען און גיעסען שטראמען קאלט וואסער



איף די גייסטען־קעפ פון נביאות, חלומות און נייע האפנונגען . . .

שטארבען וויל נישט דער היינטיגער טאג, בלוט געהט אונטער יעדע זון . . .

איך וויל, איך האף צו אייער זיעג, נור איך שרעק מיך און ציטער פאר אייער זיעג.

איה זייט מיין האפנונג, איה זייט מיין שעק.

## מנחם שטערן

### דער דיכטער איז אוועק אויף זיין אייביקן וועג

דער דיכטער איז אוועק אויף זיין אייביקן וועג,
אין גרויען הויז זיצן שבעה די לידער.
סומנע שורות זיי שעפטשען באנאנד, —
די לידער פון אומגליק און ראנד.

און ארום טיש וואו געזעסן איז דיכטער,
און דורך שלאפלאזע נעכט געשפונען דעם חלום,
זאמלען זיך די לידער אין יתום'דיקן קרייז,
און זאגן: „עליו השלום“.

### א לויב צו אייך

א לויב צו אייך רגע'ס שטילע, פארטראכטע.
כ'האב פון קלעם רעשי'קע שעה'ן אייך ארויסגעריסן,
ווי א פאס ערד פון שטאדטישן ברוק
צו באגרינען מיט ווייסנע — געזאנג.
און איצט, אין די ד' אמות פון נאכטיקן ליד,
וואכט ציטערדיק איבער אייך מיין געמיט.

א לויב צו אייך רגע'ס שטילע, סאמעט־ווייכע,
ווי דאס געדייד פון בלוט אין שפעטער נאכט,
ווען זכרונות מיט ליכטיק־שארפן גלי
הענגען איבער ליד ווי אן אויסגעשטערנטער הימל.

## שמואל וועייט

### אלמעכטיקער!

אלמעכטיקער, אויב דו פארלעשסט מיין ליכט,
פארלעש אויך מיין לעבן!
כ'וויל אויף אייביק אין חושך ניט בלייבן.
באשעפער, דו, וואס האסט אפגעטיילט די וואסערן
און באשאפן דאס ליכט
און ארויסגערעדט דעם „יהי אור“ און דעם „כי טוב“,

בעט איך מיך ביי דיר, לאז מיך שוין בעסער
אין דעם תחום פון אייביקייט פארשוועבן;
זאלן מיינע אויגן־לעדלעך
זיך אויף אייביק פארשליסן — —
— — — — — — — — — — — — — — — —
פארלעש מיין ליכט
צוזאמען מיט מיין זיין . . .

## יאוש

אין שעהן פון תפילה
וואג איך ניט צו בעטן,
פול איז לעבנס־בעכער
מיט יסורים און פיינען.
קאן איך בלויז מיט שלוכצן
אזא לעבן באוויינען . . .

מיט א קעל פארטרוקנט
און ליפן פארשמאכטע
שטיי איך א הילפלאזער.
אז לעער איז דער הימל־רוים,
זע איך מיט פארצווייפלונג
א מוראדיקן תהום . . .

אין שעהן פון תפילה
האב איך מער ניט צו בעטן,
ווייל מיט יאוש זע איך
מיינע וועלטן צעטרעטן . . .

מאיר באגדאנסקי

## אן שום ווידערשטאנד?

שוין צוויי און צוואנציק יאר זיינען פארביי זינט דעם אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא, שוין קנאפע זעקס און צוואנציק יאר זינט דעם אויסברוך פון דער מלחמה און נאך אלץ קען מען נישט פארשטיין וויאזוי א הויך קולטורעל פאלק, קולטורעל אין אלע הינזיכטן, האט געקענט אראפפאלן צו אזא נידעריקער מדרגה פון אוממענטשלעכקייט און אפטון אזעלכע מעשים־תעתועים!

חיהשקייט קען מען דאך דאס אפילו נישט אגרופן, ווייל קיין שום חיה הרגעט נישט פון לוסט. זי הרגעט, כדי בלויז צו שטילן איר הונגער — און אין דער הינזיכט האט זי קיין ברירה נישט און קיינער קען צו איר קיין טענות נישט האבן; די נאטור האט זי אזוי באשאפן. די חיה הרגעט אמאל ווען זי ווערט דורך וועמען דערשראקן, פשוט אין זעלבסטפארטיידיקונג, אבער אויך אין דער הינזיכט קען מען צו דער חיה קיין טענות נישט האבן. ווען הונגער און מורא פארשווינדן, לאזט די חיה אלעמען צורו.

די מעשים־תעתועים, וואס די דייטשן האבן אפגעטון — און געטון האבן עס דאך טויזנטער און טויזנטער פון זיי! — האבן זיי אפגעטון פון לוסט, פשוט פון פארגעניגנס וועגן . . .

עס קומט איצט פאר אין פראנקפורט־אם־מיין א געריכטס־פראצעס איבער עטלעכע און פופציק דייטשן פאר זייערע מעשים, וואס זיי האבן אפגעטון אין אוישוויץ. אגב, איז א מעגלעכקייט, אז מיין אייגענע פרוי איז אומגעבראכט



געווארן אט דארטן אין אוישוויץ טאקע דורך די דאזיקע פארשוינען. וועגן אייגעם פון זיי, מיטן נאמען באגער י״ש, האט אן עדות דערציילט, אז זי דער עדות, האט געזען ווי ער האט אנגענומען א קליין קינד ביי די פיסלעך און האלטנדיק עס אזוי מיטן קאפ אראפ, איז ער צוגעגאנגען צו א וואנט און א שליידער געטון דאס קינד צו דער מויער און אזוי צעקנאקט דעם קינדס קעפל. דאס איז נאך נישט דאס ערגסטע . . .

עס זיינען פארצייכנט פאקטן, אז „עס־עס״־לייט פלעגן זיך איינארדנען א „שפיל״ אזא: צוויי פארשוינען האבן יעדער גענומען א קינד און האלטנדיק עס ביי די פיסלעך מיטן קאפ אראפ, עס געשליידערט אין דעם אנדערן צו זען וועלכער קאפ וועט שפאלטן דעם אנדערן . . .

חיות, זאגט מען, אטאקירן נישט קיין קינדער. עס זיינען אפילו פאראן לעגענדעס וועגן דעם, אז חיות אליין האבן געגעבן צו זויגן מענטשלעכע קינדער, וועלכע זיי האבן געפונען פארלאזענע און, אזוי צו זאגן, זיי דערצויגן!

דאס הרגענען און פייניקן פאר לוסט אליין איז אן אייגנשאפט פונט מענטשלעכן מין אליין. עס ווייזט אונז ווי נידריק די מענטשלעכע מאראל קען זינקען, ווען קיינער שטייט נישט אויף דער וואך. פונקט אזוי ווי מיר קענען נישט באנעמען די אוממאראלישקייט פון די דייטשן במשך דעם גאנצן היטלער־פעריאד, קענען מיר אויך נישט באנעמען, להבדיל — להבדיל און נאכאמאל להבדיל! — די הויכקייט פון דער מאראל, צו וועלכער עס האבן זיך דערהויבן די קרבנות זייערע אין די געטאס און קאנצענטראציע־לאגערן.

גראד אויף דעם געביט איז דווקא ביי אונז יידן געטון געווארן אסך אומרעכט: די אלע יארן נאך דער מלחמה איז אנגעגאנגען א קאמפאניע פון אויסחוזקן די יידן פון די געטאס, אז זיי זיינען מיקלוימערשט געגאנגען ווי די שעפעלעך צו דער שחיטה, אן שום ווידערשטאנד, אן שום קאמף. אן שום קאמף?!

דאס לעבן אליין איז דאך געווען איין גרויסער קאמף זינט דעם ערשטן מאמענט, ווען די היטלער־חילות האבן באטרעטן די פוילישע ערד; ווען בלויז איבערצולעבן איין טאג איז געווען סכנת־נפשות . . . ווער קען פארשטיין די פיין פון זיין הונגעריק טאג איין טאג אויס, וואך איין וואך וואך אויס, איין חודש נאכן אנדערן, איין יאר נאכן אנדערן? ווער קען עס משיג זיין דאס שטרעבן כאטש איינמאל צו זיין זאט? . . .

ביי אזא הונגער־נויט האבן זיך געשאפן אין יעדן געטא קאמיטעטן, וועלכע האבן זיך באמיט ארויסצוהעלפן די נויט־לייטנדיקע מיט וואס נאר עס איז געווען מעגלעך. מען האט געשאפן שולעס פאר קינדער, וואס זענען געווען הונגעריק און געשוואלן פון קעלט און נויט. אט די שולעס האבן געמוזט פונקציאנירן בלויז אין געהיים, ווייל לערנען איז געווארן פארבאטן דורך די דייטשן. נישט בלויז עלעמענטארע, נאר אויך מיטל־שולעס האט מען געהאט.

די נויט האט נישט אפגעטעמפט די קולטור־באדערפענישן ביי מענטשן. מען איז געווען שעפעריש אויף אלע געביטן: מוזיק, טעאטער, פארלעזונגען און אנדערע. שרייבער און דיכטער האבן געשריבן, מוזיקער האבן קאמפאנירט

און דאקטוירים האבן געמאכט פארשונגס־ארבעטן וויאזוי צו היילן קראנקע מיט אט די מעדיקאמענטן, פון וועלכע זיי האבן געהאט אזויפיל ווי אויף א שפילקע־קאפ.

דער מוט ביי די מענטשן אין די געטאס איז קיינמאל נישט געבראכן געווארן און אויך נישט אין די קאנצענטראציע־לאגערן, וואו מען איז אויך אזוי געווען טעטיק. יצחק קאצענעלסאן האט געשריבן אין קאנצענטראציעלאגער, איינשטעלנדיק דערביי זיין לעבן, ווייל וואלט מען אים געכאפט דערביי, וואלט ער אויפן ארט דערשאסן געווארן! דעם זעלבן גורל וואלטן אויך געהאט די, וועלכע האבן אים געהאלפן אויסבאהאלטן די אנגעשריבענע בלעטלעך. מען האט עס געוואוסט, און דאך האט מען איינגעשטעלט דאס לעבן דערפאר.

אין א קאנצענטראציע־לאגער האבן בונדיסטן אין געהיים אנטיילגענומען אין א פייערונג צום יובל פון „בונד“. וואלט מען זיי געכאפט דערביי, וואלטן מען זיי אויפן ארט דערהרגעט *.

אויב דאס אלץ איז נישט קאמף און ווידערשטאנד, טא וואס איז?

ערשט די באוואפנטע אויפשטאנדן! ווען מיר פייערן דעם אנדענק פון אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא, פייערן מיר אויך אלע אויפשטאנדן אין די אנדערע געטאס און קאנצענטראציע־לאגערן. לעצטנס איז דערשינען דער באנד „ו“־יידן פון דער יידישער ענציקלאפעדיע. געפינט זיך דארט א מאפע פון די געטאס און קאנצענטראציע־לאגערן, וואו באוואפנטע אויפשטאנדן זיינען פארגעקומען אין נישט ווייניקער ווי אין צוויי און דרייסיק ערטער. נישט ווייניקער ווי אין צוויי און דרייסיק ערטער!

באוואפנטע אויפשטאנדן קען מען דאך נאר מאכן מיט געווער. און געווער האט מען געמוזט קויפן אויפן שווארצן מארק פאר הויכע פרייזן. דערנאך ערשט האט מען דאס געווער געדארפט אריינשמוגלען אין געטא אדער אין לאגער אריין. מערסנטיילס האט מען עס געמוזט אליין פאבריצירן אין געהיים. און אין ביידע פאלן האט מען אנשטאט אויף ברויט געמוזט אויסגעבן דאס געלט אויף געווער־מאטעריאלן. דאך ווייסט מען וועגן צוויי און דרייסיק אויפשטאנדן!

עס איז דאך נישט אויסגעשלאסן, אז עס זיינען פארגעקומען מער אויפשטאנדן, וועגן וועלכע מען ווייסט נישט, ווייל עס איז קיין לעבעדיקער עדות פון זיי נישט געבליבן. נאך א זאך דארף מען געדענקען, אז די דייטשן האבן אומגעבראכט זעקס מיליאן יידן, אבער אין זייערע קאנצענטראציע לאגערן האבן זיי אומגעבראכט גאנצע צוועלף מיליאן מענטשן; אלזא, זעקס מיליאן נישט־יידן פון גאנץ אייראפע. די איינציקע אבער וועלכע האבן געמאכט אויפשטאנדן אין די לאגערן זיינען געווען יידן! די נישט־יידן דארט האבן קיין אויפשטאנד נישט געמאכט.

פון טרעבלינקע, וועלכער איז געווען איינער פון די ערגסטע לאגערן, איז אפילו געלונגען עטלעכע הונדערט יידן צו אנטלויפן נאכן האבן אדורכגעפירט דעם אויפשטאנד. אין קיין שום לאנד אונטער דער דייטשער אקופאציע

* הענעך לעווקאוויטש, איינער פון יענע באטייליקטע, יעצט מיט אונז דא.



איז נישט פארגעקומען קיין אפענער אויפשטאנד קעגן די אקופאנטן טראץ דעם וואס זייערע אונטערערדישע גרופן האבן פארמאגט אסך געווער און אנדערע נויטיקע מיטלען דערצו. בלויז אין איין ווארשע איז פארגעקומען אן אפענער אויפשטאנד, מער ווי א יאר נאכן געטא־אויפשטאנד. האבן זיי געהאט א געהיימע מיליטערישע ארגאניזאציע, וועלכע האט דיספאנירט מיט אסך געלטער, געווען געשטיצט פון זייער רעגירונג אין אויסלאנד, געהאט געשולטע אפיצירן. מען האט אין געהיים געשיקט געשולטע אפיצירן פון אויסלאנד, און נאך דעם אלעם האט דער אויפשטאנד געדויערט ווייניקער ווי דריי חדשים און דאס בלויז אין איין ווארשע.

ווען מען פארגלייכט אט די אלע אויסגערעכנטע פאלן מיט דעם ווידערשטאנד פון די יידן, קען מען זען ווי זיי פארגלייכן זיך פשוט נישט מיט דעם העלדנמוט פון די לעצטע!

דאס ערגסטע אבער איז וואס ספעציעל דא אין ענגלאנד ווערט דאס גאנצע קאפיטל פון אונזער געשיכטע אין דעם נאצי־פעריאד אינגאנצן פארשוויגן. דער דור, וואס איז געבוירן געווארן נאך דער מלחמה, ווייסט לגמרי גארנישט וועגן אט דעם צייט־אפשניט. אין די קלובן און ארגאניזאציעס פון דער יידישער יוגנט ווערט וועגן דעם קיינמאל נישט דערמאנט. אבער דערמאנען מוז מען! מען מוז געדענקען דערוועגן. נישט כדי צו פארפלאנצן האס אין די הערצער, נאר כדי די יוגנטלעכע זאלן וויסן פון וועמען זיי שטאמען אפ און צו וועמען זיי געהערן. אויך דער וועלט מוז מען דערמאנען דערוועגן, כדי זי זאל געדענקען צו וואס פאר א דעגענעראציע זי קען זיך דערקייקלען, אויב מען וועט נישט קוקן אויף די הענט די, וועלכע שטייען ביי דער מאכט... אפשר נאך מער, מען דארף האלטן אן אויג אויף די, וועלכע רייסן זיך צו דער מאכט!

און מיר יידן, לאמיר האפן, אז די פעלקער פון דער וועלט וועלן ארויסציען דעם מוסר־השכל פון דער געשיכטע און וועלן דאך באוויזן אנצוהאלטן טאלעראנץ דארט, וואו זי עקזיסטירט; און זי איינפירן דארט, וואו זי עקזיסטירט נישט; טאלעראנץ צו אלע גרופן, עטנישע ווי רעליגיעזע.

דעמלט ערשט וועט נישט זיין בלויז א חלום די שטרעבונג פון ישעיהו הנביא.

שמעון וואזעק

## צו א חבר

דאס נעפל־שייבל שנייד ארויס פון דיין פארטרויערטער וויע,
און לויב דער השגחה׳ס אויג אויף דיין נע־ונד נסיעה,
דורך סכנהדיקע שלוכטן, פארפלייצנדיקע בלוט־תהומען,
וואו כוואליעס רוגזה האבן געריסן זיך דיינע טריט פארשוימען.

טרעבלינקעס שד האט ביי אונדזער אטעם שוין געלויערט,
געשרויפט אין טיר די קליאמקע, די שוועל געבויערט . . .
דאס הארץ פון ים האט אונדזער תפילה אין ווינט פארנומען,
און ס׳בינטל ציטערן מיטן לעצטן זעגל דא אהער געשוואומען.

דער ווינט האט פון זכרון ניט ארויסגעזעגלט די גרויע אשן,
דעם ים — די שווערע טרער פון אויג ניט אויסגעוואשן,
דער אוונט־הימל — ניט דעם וואלקן איפן ברעם באשטערנט,
און דאך, אופסניי האסט זינגען דא זיך אויסגעלערנט.

און — האסט קוים א גרויע האר אין שווארצער פאה!
עס קומען ווידער יום־טוב טעג, ביי ווייך און לאמפן בייע,
און ס'געבערן לידער, ווי בילדער פון אבות איינגעראמטע,
וואס בענטשן ס'גוטס, נגינים לאנג פארזאמטע.

## עלא זילבערג

### פאר זיי . . .

צום אנדיינקן אן מיין טייערע משפחה וואס איז אומגעקומען פון היטלערס מערדערס

א טרויער ווי דער נר תמיד,
ברענט אין מיין הארצן,
און ווערט קיינמאל ניט פערלאשן,
און אין אן אומעט,
ווי אין א פינסטערע כוואליע,
פיל איך מיך איינג איינגעשלאסן.

די פייגל שאלן־אויס,
דעם פרילינג דעם נייעם,
אין גערטנער צובליען זיך בלומען,
יעדער צווייג, יעדער גראז,
דערוואכט ווידער צום לעבן,
נאר איר ווערט צוריק שוין ניט קומען.

אייך מיינע טייערע:
וועל איך מער ניט טרעפן,
אומזיסט איז מיין ווארטן און בענקען,
די ליכטיגע היים,
די פנימער נאנטע,
קען איך נאר אין זכרון געדענקען.

אייך האט פארשניטן,
די האנט פון א מערדער,
פריצייטיג פון לעבן פערשוואונדן.
און איך בין געבליבן,
פון לייד צוקאלעטשעט,
שטארבענדיג שטיל פון די וואונדן.



פרעסט מיך דער טרויער,
ווי א גיפטיגער ווארעם,
און צאפט מיר די מארך פון די ביינער,
צו די זעקס מיליאנען,
וואס זיינען פערגאנגען,
ווערט פאלן א קרבן נאך איינער.

## יוסף לעפטוויטש

### מיינע טויטע

היינט וויל איך מיינע טויטע דערמאנען,
די פארגאנגענע לעבנס וואס זענען אין מיר פאראנען.
מיט וואסערן וואס קומן פון אייך,
בין איך געווארן א גרויסער טייך,

די קוואלן וואס זענען ביי אייך פארטריקנט געווארן,
לעבן אין מיר, ווי ניי — געבוירן.
נישט ביי מיר אליין, נאר ביי אנדערע אויך,
לויפן אייערע וואסערן הויך.

ווער ווייס וועמען יעדער טראפן וואסער געהער!
מיין טאטע־מאמעס וואסערן זענען אין מיר מער.
אבער אויך אנדערע שטראמען זענען אין מיר אריין,
ווי איך וועל אמאל אין אנדערע טייכן זיין.

אמאל זענען אלע טייכן געווען איין טייך,
און אלע פייערן זענען געווען איין פייער,
און אלע מענשן זענען געווען איין מענש.
און אלע גייערס געווען איין גייער,
ביז מיר זענען ביזן בארג סיני דערגאנגען,
און דערהערט גאטס קול, און מלכים געזאנגען.
ארום אונז איז א פייער ווי א מבול געלאפן.
די טויערן פון הימל זענען געשטאנען אפן,
און אונזערע אלע שטימען, ווי איין שטים
האבן געלויבט גאט, יהוה אליהים!

### מ צ ה

די פויגל זענען ניט געווען אין מצרים אין גלות,
אילו זיי קיין מצה ניט עסן.
די ברעקלאך מצה מאס איך ווארף פאר זיי אויף דער ערד,
זאגן די פויגל, זענען פאר אונז א צו ביטערער ביסן.

איצט, זאגן זיי, איז די ערד ווייך, און פרילינג,
האבן מיר גענוג ווערם אויף שריט און טראט.
איז צו וואס דארפן מיר דיינע ברעקלאך מצה,
אז מיר האבן ווערם־פלייש אויף זאט?

אבער פייגל, זאג איך צו זיי, הערט וואס מיט אונז יידן איז געשען,
מיט אונז איז געווען א נס.
מיר זענען געווען שקלאפן אין מצרים,
און משה רבינו האט אונז געפירט פון דארט ארויס.

איר פויגל זענט אויך דארט געווען, דערמאנט זיך, פייגל,
ווי איר זענט געפלויגן איבער אונזערע קעפ.
מיר האבן געגעסן פויגל־פלייש אין מדבר,
מיט דעם מן טעם אויף דער ליפ.

האט איר דאס ניט פארשריבן אין אייער פייגל־געשיכטע?
ווייסט איר ניט פון אונזער לאנגן מדבר־גאנג?
מיט אונזער ביטער ברויט, מיט אונזער מצה,
האבן מיר געשאפן געשיכטע, מיט אונזער מדבר־גאנג.

י. ריכטיגער

## יידיש״ פילאזאפיע און טראדיציע
### די אלט - נייע הגדה של פסח

„את חג המצות תשמור . . . למועד חדש האביב
כי בו יצאת ממצרים״ (שמות ב״ג)

אנגעזאגט האט מען אונז אפצוהיטן דעם חג המצות . . . אין די צייט פון פרילינגס־חדש, ווען דער רעגן האט אויפגעהערט און די וואלקענס זענען צע־גאנגען, די לופט איז פול מיט בלומענדופט און פייגל געזאנגען, זאלן מיר פייערן דעם יום טוב פסח. אבער ניט צו באגריסן די נאטור צו איר אויפ־וואכונג פון ווינטערשלאף, די פעלדער און די וועלדער צום ווידערגעבורט פון זייערע געוויקסן. נאר צו דערמאנען, אז לערך פאר דריי מיט א האלבן טויזנט יאר צוריק זענען, אין פרילינגס־חדש, די בני ישראל באפרייט געווארן פון מצרישן — „בית עבדים״ — שקלאפן סיסטעם, און זינט דעמאלט קעמפט מען פאר דער פרייהייט פון גלויבן און ארבעט.

„לא כארץ מצרים הוא אשר יצאתם משם, אשר
תזרע את זרעך והשקית ברגלך כגן הירק״.
(דברים י״א)

דער דעלטע־טאל אדער דער באדן פון לאנד מצרים איז, לויט די עטנא־לאגישע פארשער, געווען דער געבורטס־ארט פון טעכנישן פראגרעס . . . דער איינגארטיקער קלימאט פון דעלטע־טאל: דאס וואס די פעלדער און גערט־



נער ווערן ניט אנגעטרונקן פון רעגן, נאר זיי ווערן באוואסערט פון טייך נילוס איינמאל אין יאר, ווען ער גיסט זיך איבער די ברעגעס און פארפליצט די גאנצע געגענט, איז פאר דעם פארצייטישן מענטש געווען די שולע וווּ ער האט געלערנט די מלאכה פון ערדארבעט . . . דער פארצייטישער מענטש איז דארט איבערגעגאנגען פון דערנערן זיך מיט ווילד־וואקסנדיקע פרוכטן צו פראדוצירן זיין שפייז מיט די אייגענע הענט. האבנדיק זיין טעגלעך ברויט אין העלטעטאל איז ער דארט געבליבן זיצן און גענומען בויען שטענדיקע וווינונגען פאר זיין משפחה, וואס האבן אין משך פון עטלעכע דורות זיך צעוואקסן אין הערפער און שטעדט, און עס האט זיך אנטוויקלט די, ערשטע אין דער וועלט, קולטורעלע און פאליטישע איינהייט־מצרים . . .

„וירא את כל ככר הירדן כי כלה משקה . . .
כגן ד׳ כארץ מצרים באכה צער״.
(בראשית י״ג)

דאס לאנד מצרים איז דערוויל באקאנט און בארימט געווארן צווישן די וואנדערנדיקע פאסטוך־משפחות פון באענט און ווייט אלץ דער פון גאט געבענ־טשטער גן עדן אויף דער ערד. פון אומעטום זענען זיי געקומען מיט זייערע סטאדעס צו שטילן זייער הונגער ביי די פרוכטיקע ברעגעס פון טייך נילוס. די פאסטוכער האבן נאך ניט פארשטאנען אז די געוויקסן פון די פעלדער און גערטנער זענען דורך דער ארבעט געווארן דאס אייגנטום פון די מצרישע לאנדבויער, וואס האט געפירט צו לאנג יעריקע מלחמות צווישן די פאסטוכער און פויערים. צום סוף האבן די פויערים באזיגט די פאסטוכער, וויל וועגן זייער איינגעזעסנקייט האט זיך זייער צאל ניט אליין נאטירלעך פארמערט, נאר זיי האבן די געפאנגענע פאסטוכער איינגעשפאנט אין דער לאנדבויארבעט, זענען די אמאליקע פאסטוכער אויך געווארן פויערים. אבער א סך פון די געוועזענע פאסטוכער זענען, נאכן אויסלערנען זיך די מלאכה פון ערדארבעט, אנטלאפן פון מצרים, זיי האבן זיך באזעצט ביי אנדערע טייך ברעגעס און קולטיווירט דעם באדן; אזוי האט זיך נאך עטלעכע דורות די מצרישע קולטור און לאנדווירט־שאפט פארשפרייט איבער דער וועלט. (ג. ל. סמיטה „די פארשפרייטונג פון קולטור״ ז. 222).

„וירד אברם מצרימה כי כבד הרעב בארץ״
(בראשית י״ב) „ידע תדע כי גר יהיה זרעך
בארץ לא להם ועבדום וענו אתם״ (בראשית
ט״ו).

מיט דער פארשפרייטונג פון דער לאנדווירטשאפט האט זיך זער שטארק פארמינדערט די אימיגראציע קיין מצרים און עס האט אנגעהויבן אויספעלן קנעכט צו העלפן באארבעטן די פעלדער און גערטנער, האבן די פרעהס איינ־געהויבן אויספעלן קנעכט צו העלפן באארבעטן די פעלדער און גערטנער, האבן די פרעהס איינגעשטעלט א קאנטראל אויף די קנעכט ביי די גרעניצן, זיי זאלן ניט קאנען אנטלויפן, און אזוי איז דאס לאנד מצרים געווארן דער

ערשטער — „בית עבדים“ — סיסטעם פון צוואנגס־ארבעט אויף דער וועלט... ווען אברהם אבינו איז געקומען קיין מצרים אויף א קורצע צייט, ווייל אין לאנד כנען איז געווען איינע פון די דארטיקע הונגער פעריאדעס, האט ער געזען צום ערשטן מאל דעם צוואנגס־ארבעט סיסטעם, ווו פרעמדע מענטשן ווערן טיראניזירט און עקספלואטירט. כאטש ער האט זיך דארט איינגעווינט צו ווערן באדינט פון קנעכט און דינסטן, און זיך איינגעשאפט א מתנה פון זיי, דאך ווען ער איז צוריקגעקומען אין לאנד כנען האט ער ניט געקאנט פארגעסן די בילדער פון דער מצרישער אכזריות. זיי האבן אים פארפאלגט באטאג און באנאכט, אין איינעם פון זיינע חלומות האט ער געזען זיינע קינדער וועלן דארט ווערן פארשקלאפט און געפייניקט פיר הונדערט יאר.

„ויבאו מצרימה יעקב וכל זרעו. ויקן יוסף את כל אדמת מצרים לפרעה. והיה בתבואת ונתתם חמישית לפרעה וארבע הידת יהיה לכם לזרע השדה ולאכלכם“ . . . (בראשית מ״ו, מ״ז)

ווען יעקב האט מיט זיין משפחה אויסגעוואנדערט קיין מצרים, וועגן הונגער אין לאנד כנען, איז שוין איינער פון זיינע זין — יוסף — דארט געווען וויצע קעניג און מיניסטער פון עקאנאמיע. נאכן אהין קומען פון זיין פאטער האט ער עפגעשאפט דעם צוואנגס־ארבעט סיסטעם: אנשטאט זי מצרישע לאנדבאזיצער זאלן לעבן אויף דער פראצע פון די פרעמדע ארבעטער, האט יוסף אין יארן פון אומגערעטעניש אפגעקויפט ביי די מצריים זייערע פעלדער און גערטנער פאר די מלוכה, און אלע זענען געווארן ארבעטער פון פרעה. פיר פינפטל פון אלעם, וואס האט געוואקסן, איז פארטיילט געווארן צווישן די ארבעטער, זיי זאלן האבן שפייז פאר זייערע פאמיליעס און זוימען צו פארזייען פארן קומענדיקן יאר, און איין פינפטל האט די רעגירונג גענומען צו לאגערן איז שפאבלערס פאר יארן פון אומגערעטעניש און פאר הוצאות. אזוי איז געשאפן געווארן דער ערשטער פרייוויליקער קאלעקטיוו אין דער וועלט, ווייל די גרעניצן זענען געווען אפן פאר יעדן איינעם צו קומען אין לאנד אריין און צו פארלאזן דאס לאנד.

„וימת יוסף וכל הדור ההוא . . . ויקם מלך חדש . . . הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו... ונוסף על שונאינו ועלה מן הארץ. וישימו עליו שרי מסים למען ענתו בסבלתם“ (שמות א׳)

דער פרייער קאלעקטיווער סיסטעם האט אזוי לאנג אנגעהאלטן ווי יוסף און זיין דור האבן געלעבט. נאך זייער טויט איז אויפגעשטאנען א נייער מלך אין מצרים, וועמען די פרייהייט פון גלויבן און ארבעט האט ניט געפאלן, און אזוי ווי די בני ישראל זענען געווען די איינציקע פון די פרעמדע ארבעטער וואס האבן זיך ניט געוואלט אסימילירן מיט די מצריים, צוליב זייער גלויבן, אז זיי וועלן אמאל צוריקקערן אין זייער היימלאנד, האט פרעה זיי באנוצט פארן מיטל צו דערגרייכן זיין ציל. די בני ישראל האבן ניט וויניקער ווי די



מצריים לאיאל געארבעט פארן דערפאלג פון קאלעקטיוון סיסטעם, האט פרעה אויפגעהעצט די מצריים קעגן זיי, אז זיי האבן גרעסערע משפחות ווי די מצריים, עסן זיי מער אויף ווי זיי פאדוצירן. און פון זייערע גרויסע משפחות וועט דאס לאנד גאר ניט האבן, ווייל זיי זאגן־אז זיי וועלן ניט בלייבן אין לאנד; וועלן זיי ניט פארטיידיקן דאס לאנד קעגן א שונא נאר זיך פאראייניקן מיט אים און פארלאזן דאס לאנד. האבן די מצריים אנגעשטעלט אויף די בני ישראל „שרי מסים“: ספעציעלע ארבעטס אויפזעער צו פייניקן זיי און פארביטערן זייער לעבן מיט שווערע ארבעט. זיי זאלן ניט האבן קיין כוח צו אנטלויפן, און אזוי האט מען צוגענומען ביי זיי די פרייהייט פון גלויבן און ארבעט.

„בכל דור ודור חיב אדם לראות את עצמו כאלו הוא יצא ממצרים. שנאמר: והגדת לבנך ביום ההוא לאמר: בעבור זה עשה ד׳ לי בצאתי ממצרים“ (אגדה של פסח)

די בני ישראל זענען באפרייט געווארן פון דער מצרישער צוואנגס־ארבעט, פאר לערך דריי מיט א האלבן טויזנט יאר צוריק, און זינט דעמאלט גייט אן דער געראנגעל פאר דער פרייהייט פון גלויבן און ארבעט. דער טעכנישער פאראויסגאנג פון די מענטשנקינדער איז אן אומגעהוירער זינט די בני ישראל האבן פארלאזט מצרים. אבער זייער מאראלישע אויפפירונג איז געבליבן אומפארענדערט, מיליאנען מענטשן לעכצן נאך אלץ צו הערן אדער ריידן א פרייווארט, און מיליאנען מענטשן זענען נאר אלץ איינגעשפאנט אין צוואנגס ארבעט סיסטעמען. פארשלאסן זענען די גרעניצן מיט אן „אייזערנע פארהאנג“ און פארפעלשט איז די אידיי פון פרייהייט, ווי אין אלטן מצרים. מען פייערט דעם פרילינגס־יום טוב מיט פרייד און געזאנג צו באגריסן די באפרייאונג, אבער ניט די פרייהייט פון גלויבן און ארבעט. די אלטע הגדה וועגן די צעשעמטערטע שקלאפן קייטן פון מצרים, איז דעריבער נאך אלץ ניי און אין יעדן דור דארף מען איר דערציילן צו אונזערע קינדער, כדי זיי באוווסטזיניק צו מאכן אז דער קאמף פאר פרייהייט פון גלויבן און ארבעט איז נאך ניט געענדיקט,

## א. ב. לאנדסמאן

### דער איי - סימבאל ביים סדר

פסח אויף דער נאכט ביי יעדן איד צום סדר
איז א טיש געגרייט מיט אלדאס גוטס, כיד המלך,
וויין, אמווייניגסטענס פיר כוסות א יעדער איד מוז טרינקען,
מצה, וואס הייסט לחם עוני און איז גארניט אזוי שלעכט,
א קערה וואו אחוץ די זרוע, מרור און חרוסת,
אויך אן איי ליגט, ס׳איז אמנהג פון קדמונים,
אלס סימבאל פון שטארקייט אבער שווארקייט,
צו וועלכען בן הורין, איד דו ביזט געגליכען.

ווייל ווי דאס איי דאס שוואכינקע
און אפשר גאר פון יעדער זאך דאס שוואכסטע,
דאך אויב און ווען ס׳ווערט ריכטיג באלאנסירט,
קען מען אויף דעם די שווערסטע משא ארויף שטעלן,
און בלייבן וועט דאס גאנץ און אומבאשעדיגט.
אויב אבער עס ווערט אויר דעם קיין אכט געגומען ווי געהעריג,
קען דאס צובראכען ווערען פון דעם לייכטסטען ריר.

אזוי אויך איד, דו שוואכינקער, המעט מכל העמים,
מיט זעקס מיליאן נאך ווייניגער לעצטענס ביזט געבליבען,
וויס זשע איד פאר וואס: האסט דעם באלאנס פארלוירען,
שטאט אחדות, גאנצקייט צובראכען אויף שטיק שטיקלאך,
מכף רגל ועד ראש אין בו מתום",
קלייזלאך, כתות, פירער און פארפירטע,
רויטע, געלע, גרינע, בלאע ווייסע פאן.

ווער זשע א מענש דעם פסח, ניט נאר זיי׳א מלך,
און ווען באם סדר זעסט דאס איי געדענק,
אז עס איז א מנהג פון קדמונים אלס סימבאל,
מיט א גרויסען פראגע צייכען, גאנץ אבער צובראכען.
צו זיין א פאלק, און עם ישראל אבער ניט,
עס ווענדט זיך נאר אין דיר בן חורין,
אין דיר אליין, אין דיין באלאנס, דו ביזט געגליכען צו דעם איי.

י. ה. לעווי•

## אליהו הנביא׳ס כוס

1

אויסגעשווענקט די פסח־כוסות
שטייען זויבער אויפן טיש
און דאס שיסעלע מיט חרוסת
שמעקט ווי קרייטער זאפטיק פריש.
ס׳איז דאס שיסעלע פון זיידן
נאך מיט בלימלעך איינגעקריצט,
יעדעס יאר מיט טרערן־פריידן
ווערט עס ציטריק פונסניי באניצט.
אויפגערוימט דאס שטיבל פריילעך

און די נויט פארפוצט, פארגלעט;
זיצט דער טאטע ווי א מלך —

• אפגעדרוקט צו דער 10׳טער יארצייט פון פאעט.



אויף דעם ווייסן היסב־בעט.
ווי א מלכה זיצט די מאמע
נעבן אים פארחלומט בלייך,
א, ווער ווייס דען מן־הסתמא
מאכט זי באנג איר קעניגרייך.

און מיין שוועסטער ליב, באשיידן,
אויס דער הגדה זינגט און לייענט —
מיטן טאטן — און פון פריידן
גליט זי ווי א רויז און שיינט.
און איך פרעג זיך מה נשתנה,
מיט א קוויטשנדיקן קול,
און דער טאטע מיט דער מאמען,
שעפן נחת אן א צאל.

2

ווי אין חלום כ׳בין געזעסן
אלץ באקומען אזוי האלד,
ווען געגאנגען איז מען עסן
מצות ריינע ווי א גאלד.
מצות קלארע ווי די שטערן,
דין געראדלט ריינער טייג;
וויפיל צרות און וויפיל טרערן,
וויפיל צער און וויפיל לייד?

וויפיל שרעקלעכע מינוטן
פון פארפאלגונג אן פארגלייך, —
האט דער ייד שוין אויסגעליטן
מצות טייערע וועגן אייך?
וויפיל האפנונגען געבעטן
פון זיין ביטער שווער געמיט,
האט אין אייך שוין איינגעקנעטן
דער פון האס פארפיינטער ייד?

וויפיל גרויל און אימת־מות
אינם גרויסן טרערן־טייך, —
איז דאס בלוט פון אונזערע אבות
שוין געפלאסן וועגן אייך?
דאך איז עס אייך פריי אן מורא׳ס
פיל די ריינקייט פון מיין שטאם, —
כאטש באפלעקט אייך שווארצע דורות
האבן מיט עלילת־דם.

3

מיט א הייליק אש להבה
ווי א זון צובליטע רויז,
אויפן טיש פאר אליהו־נביא'ן
שטייט און גלאנצט דער גילדענער כוס
בלומען־קווייטן אים באקרוינען
פול מיט כישוף און מיט חן,
און עס שפיגלען זיך די שיינען
פון די ליכטער אין זיין ווייך.

מיט א קינדיש שטילן שרעקן
בליק איך צו דעם כוס אהין,
און מיר דוכט אז באלד אויסשטרעקן
וועל איך זען א האנט נאך אים.
אליהו נביא מיט א ברכה
בענטשן וועט מיין הויז־געזינט
און פאר שמחה און הצלחה
ווערט מיין הארץ מיט גליק פארשפינט.

און זיין בארד די זילבער ווייסע
וועט זיך וויגן מיט געזאנג,
פונקט ווי אין דער צויבער־מעשה
וואס איך האב געהערט שוין לאנג.
ביז עס איז דאס הארץ מיר פול
און איך האב געווארט מיט פיבער
אלץ אויף יענער ליכט־מינוט . . .

4

ווען דער הימל אויסגעלייטערט
איז פון ליבע און גענאד,
די לבנה אויפגעהייטערט
לייכט זיך גאלדן רייך פאר גאט.
ווען פון ווינטערס מרה שחורה
ווערן פלוצים אויפגעוואכט,
אלע בליטן פריי אן מורא
דופטן אויף אין שמורה־נאכט.

ווען די טייבלעך ווארקן ליבער
און דער ווינשטאק בליט מיט חן,
דאמאלט קומט אין אלע שטיבער
אליהו נביא שטיל צו גיין.
ווען ברוך הבא זאגן הערט ער



שפוך חמתך לאזט זיך אויס, —
דאמאלט הייבט דער מלך פארקלערטער
צדיק אויף זיין גילדענעם כוס.

טיף צום הימל מיט א תנועה
פול קדושה ס'אויג זיינס בלינקט, —
דאמאלט, אך, ווער ס'האט די זכיה
זעט עס ווי פון כוס ער טרינקט.
און פון זיינע זילבער ברעמען
גיסט זיך ליב, א שמייכל רינט;
ווי דער דופט פון כריזאנטעמען
אינם זון־גאלד איינגעשפינט.

אט אזוי פאר לאנגע יארן
האט מען מיר אמאל דערציילט.
און עד היום אין זכרון
לעבט עס נאך פארבענקטערהייט, —
טיף אין הארצן ווי א שטערן
ס'מעשהלע דארט ציטערדיק;
איינגעהילט אין הימל־ספערן
צויבערדיקע טרוים־מוזיק.

5

אויפגעעפנט שוין די טיר זיך
שפוך חמתך אָפּגעזאגט,
אין א פחד איך פארליר זיך
און מיין הארץ עס קלאפט און נאגט,
צו דער הגדה צוגעבויגן
זיץ איך און איך זע קיין אות.
פלאמען טאנצן פאר די אויגן,
נאר עס רירט זיך ניט דער כוס.

און מיט טרערן דאן מיט גרויסע
איז מיין אויג פארפולט געווען,
ווייל איך האב פון גילדענער כוסה
קיינעם טרינקן ניט געזען.
און אזוי איז אויך פארשוומען
באנג די צווייטע נאכט ביי מיר,
נאר ס'איז קיינער נישט געקומען
כאטש מ'האט אויפגעמאכט די טיר.

ביז מיין טאטע האט מיר איינמאל
שטיל דערקלערט דעם טיפן סוד, —

נישט פארגעסן וועל איך קיינמאל
ווי צו מיר גערעדט ער האט:
ווילסטו אליהו נביא'ן הערן?
טרינקן פונם כוס אים זען, —
מוזטו, קינד מיינס, גרעסער ווערן,
טאקע גרויס, דאס זאל געשען . . .

## משה בעקערמאן

# א גאסט אויף א ווייל . . .

(ניו־יארקער סאבוועיס און פאריזער מעטראס)

ווי נאר איך בין אריין אין דער סאבוועי און די טירלעך האבן זיך פארקלאפט הינטער מיר, האב איך מיך באלד באגעגנט מיט מיינע אלטע באקאנטע, וואס איך האב אמאל געהאט באגעגנט אין פאריז און טאקע אויף דער מעטרא. געטראכט האב איך, אז ניו־יארק איז מסתמא דאס לעצטע ארט, וואו איך וועל מיך ווידער באגעגענען מיט זיי, און שטיי איך מיט זיי פנים אל פנים מיט די סלופעס אינמיטן די וואגאנדלעך.

מילא, אויף דער מעטרא זענען זיי א שטענדיקער נוצן, ווייל תמיד כמעט זענען זיי דארטן באלאגערט פון פראנצויזן, וואס קענען זיך נישט געפינען קיין ארט צו זיצן. אויב אויף דער נעקסטער סטאציע שטופן זיך אריין נאך עטלעכע צענדליק מענטשן, ווייסט מען, אז זיי וועלן תמיד געפינען א פריינטלעכן ארבל, אן עק פון א גארטל ביי א רעגנמאנטל אדער א לאנג, דין ברויטל, וואס שטארצט ארויס פון אן אנגעלאדענעם קאשיק מיט עסנווארג ביי א פארשוויצטער, מאסיווער פראנצויזקע אויף דער האנט; און דעם קאשיק האלט זי אזוי קונציק, אז זי באוויזט נאך צו באנוצן בידע הענט ארום דעם סלופ. ס'איז ממש צו באוואונדערן די סאלידאריטעט אויף דער מעטרא! מען גייט אריין איינער אין אנדערנס פאלאזשעניע און מען שאקלט זיך בציבור בעתן פארן.

אבער אויף די ניו־יארקער סאבוועיס איז די אטמאספערע א גאנץ אנדערע. דא שטייט מען נישט ארום די סלופעס פאר נויט, נאר פאר נחת. מעג א וואגאנדל זיין האלב באזעצט, געפינען זיך תמיד אויסגעשטרעקטע, פריינטלעכע הענט ביי די סלופעס. טייל מענטשן שטעלן זיך גאר מיט די פלייצעס צום סלופ, ווי איינער איז גרייט מקריב צו זיין דאס אייגענע לעבן, כדי צו פארטיידיקן אט דעם סלופ קעגן ראסיסטן . . . אזעלכע סלופ־„פאטריאטן" שאקלען זיך נישט, נאר שטייען ווי צוגעשמידט ווי די קו־קלוס־קלאן צו גאלדוואטער! און דאך ווערט אייך קלאר, אז אט די סלופ־פארטיידיקער געהערן גאר צו די לינקע, האלטנדיק פון דער פראלעטארישער לאזונג: „צוזאמען וועלן מיר שטיין". אדער אפשר זענען עס מענטשן, וואס פילן זיך מער באקוועם טוליענדיק זיך צו א סלופ ווי זיצנדיק צווישן זייערע מיטמענטשן? . . .

הגם מען אכט נישט די סטראשונקעס בנוגע לונגען־קאנסער, פארגרעסערט



זיך דאך, גאט צו דאנקען, די באפעלקערונג אויף דער וועלט און אויך די צאל רויכערער פון פאפיראסן, לולקעס און ציגארן. די פאריזער מעטרא פונקט ווי די לאנדאנער אונטערגרונט־באן פארהאלט זיך פילאזאפיש צו אט דעם פראבלעם. מען גיט אפ עטלעכע וואגאנדלעך פאר יענע, וואס ווילן דווקא שטארבן פון קאנסער און עטלעכע וואגאנדלעך פאר פאסאזשירן, וואס שטארבן סאיוויסאי פריער אדער שפעטער פון אנדערע מאדערנע מחבלים.

אבער אויף די ניו־יארקער סאבוועיס ליגט נישט די ברירה ביי אייך אין די הענט. די אחריות פאר אייער געזונט נעמט די פארוואלטונג אויף זיך. ווי נאר איר שטעלט ארויף א פוס אויף זייער טעריטאריע, געפינט זיך פאר אייך א דראטענער קויש, וועלכן ס'איז שווער צו איגנארירן, מחמת ער איז שוין האלב־פול מיט פארשיידענע שאלעכץ פון קאווענעס, עפל און אנדערע פירות, וואס לויט זייער אויסזען שמאכטן שוין אייניקע טעג דארטן. אויך קען מען דארט געפינען אן אויסוואל פון מינעראל פלעשלעך, הענטשקעס, אספירין־שאכטלעך און צעקוועטשטע, האלבע פאפיראסן. אט דער מיש־מאש הייסט אויפן אמעריקאנער לשון: „ראביש", „דזשאנק" און „גארבעדזש". און דא טאקע דארף מען אויסטרייסלען די קעשענעס פון יעדן ברעקל פאפיראס. נאך אזא „תשליך" זענט איר ערשט בארעכטיקט צו באצאלן פופצן סענט, כדי זיך צו לאזן אין וועג אריין. לאמיך אייך זאגן, אז אלס גאסט טאפט איר א וואנט אויף דער סאבוועי.

אין די טונעלן פון דער פאריזער מעטרא געפינט איר דייטלעכע אנווייזונגען אין וועלכער ריכטונג צו גיין. אין די טונעלן פון די סאבוועיס האלט מען כסדר אין שושקען אייך אין די אויערן אריין: „רויכערן פארבאטן". דער שיקזאל פון דערשלאגן זיך צו אייער סאבוועי ליגט ביי אייך גופא אין די הענט . . .

קומט איר סוף־כל־סוף ארויס אויף א פלאטפארמע, באגעגנט איר אייך מיט קארטאנען פון אייז־קרעם, איבערבלייבעכצן פון קינדער־שפילעכלעך, סמנים פון הייסע ווארשטלעך, וואס מען רופט זיי דא „האט דאגס" (הייסע הינט) און וואס האבן נאך עטלעכע נעמען, ווי „האמבורגער", „פראנקפורטער" און „פראנקבורגער"; נעמען, וואס ווארפן אן אויף אייך א מין מרה־שחורה . . . טאקע נאר אמעריקע קען ארויסגעבן פון זיך אזעלכע „טייקונישע" מוחות . . .

להיפוך דער פאריזער מעטרא, וועט איר דא אויף ס'רוב סטאנציעס נישט געפינען קיין באנק צום זיצן. נאר קוואדראטנע סלופעס זענען דא יא דא, און ביי די דאזיקע קענט איר אמאל אנשפארן. איך זאג אמאל, ווייל, ערשטנס, דריי זייטן זענען שוין פארנומען און, צווייטנס, זענען די סלופעס אזוי נאנט צו די רעלסן, אז אויב דאס לעבן איז אייך ליב, וועט איר נישט וואגן אייך אנצושפארן אויף דער פערטער זייט. איר דארפט בלויז כאפן א דרימל אדער א פאלשן טריט, און אייערע יתומים וועט עס נישט מאכן קיין אונטערשייד צי איר האט אמאל יא גערויכערט צי נישט. די סאבוועי וועט אייך פשוט צעמאלן אויף קרעפל־פלייש.

פרעג איך אמאל אן אמעריקאנער פארוואס די סאבוועי געפינט זיך אין אזא פארנאכלעסיקטן צושטאנד. ווייסט איר וואס פאר אן ענטפער ער האט

מיר געגעבן? איר וועט אסור נישט טרעפן! קודם כל האט ער מיך באטראכט צי איך טראג נישט אמאל א רויט שניפסל. דערנאך ערשט האט ער מיר געגעבן אן ענטפער בזה הלשון: „ווען אייער ענגלאנד וואלט אונז באצאלט וואס זי איז אונז שולדיק, וואלט די סאבוועי־פארוואלטונג זיך געקענט א ריר־טון". כ׳האב אים געוואלט א פרעג טון וויפל עס קומט אויס אויף מיין חלק . . . איך האב אים געוואלט א קיצל טון אין די ביינער מיט א בעסער שטעך־ווערטל, פרעגנדיק, צי ווען די טשאנג־קאי־שעקס און אנדערע „דעמאקראטישע" „בעלי־חובות" אין אזיען וואלטן אפגעצאלט די שווערע מיליאנען, וואס אמעריקע בראקט אין זיי אריין אן אן אפשטעל, וואלט זיין מוניציפאליטעט געקענט באזארגן פלעצער פארן מענטשלעכן געברויך אויף די גאסן פון ניו־יארק, אז מען זאל נישט מוזן בעטן אין א דראג־סטאר אדער אין אנדערע געשעפטן די דערלויבענישט פאר אזא צוועק—אבער אין אמעריקע איז דאס שפריכווארט נישט פאפולער, אז אפילו אן אייגענעם טאטן מעג מען זאגן דעם אמת אין די אויגן אריין. טשארלז דיקענס זאגט ערגעץ־וואו, אז „אן אמעריקאנער וועט אייך געדולדיק אויסהערן כל־זמן איר מאכט קאמפלימענטן זיין לאנד".

בעת טשארלז דיקענס׳ טיפן האבן זיך אביסל ציוויליזירט אין משך פון די לעצטע עטלעכע צענדליק יארן, האט דער אמעריקאנער זיך גענומען רוקן אויף צוריק. אדער אפשר לויפט ער גאר אויף צוריק? יעדנפאלס, עס מאכט נישט קיין אונטערשייד בנוגע די ניו־יארקער סאבוועיס. זיי וועלן שוין מסתמא אזוי פארבלייבן אויף דור־דורות. דאס שפריכווארט — איזהו חכם, הלומד מכל אדם (א חכם איז דער, וואס לערנט זיך פון אלעמען) — איז אנטי־אמעריקאניש. לויט זייער השגה איז אמעריקע איבער אלעס און אלעמען!

## ה. פאצאנאווסקי

### א. פראטעסט פון די מלאכים

א רעש, א געטומל איז צווישן די מלאכים:
זייער פרעזידענט האט זיי דערקלערט די סכנה,
אז פעלקער יאגן זיך
ווער עס זאל זיין דער ערשטער אויף דער לבנה.

„אזא חוצפה", זאגט זייער פרעזידענט,
„האט מען נאך נישט געהערט.
„קריכן צו דער לבנה!
„וואס, ס׳איז זיי ווייניק די ערד?

„און אז זיי וועלן שוין
„אויף דער לבנה זיין,
„דאמאלס וועלן זיי אנהייבן
„צום הימל גיין.

TOWER
HAMLETS
LIBRARIES



„דער הימל איז באשאפן פאר מלאכים,
„און פאר מענטשן — די ערד;
„און זיי וועלן נאך דאס מאכן
„פונקט פארקערט".

און דער בורא־העולם
זיצט זיך אין זיין היכל דארט,
ער איז שטיל
און זאגט נישט קיין ווארט.

און דאס ווארט האט גענומען מלאך מיכאל,
פארשוויצט איז געווען ביי אים דער שטערן:
„חברים מלאכים, מיין פלאן וויל איך
„איר זאלט הערן.

„אלס פראטעסט וועלן מיר איינמאל אין וואך
„נישט קדוש־שפרינגען
„און אויך נישט שירה־זינגען!"

## א. נ. שטענצל

### אויף דער גרענעץ

3

אין דעם שווארצן קוילן־אינזל, אין דעם מאשינען־צערוישטן רוהר־געביט, אריינגעהעמערט צווישן די הענגענדיקע בריקן און דעם הענגל־ווייַנטרויבנדיקן, ליכטיקן רהיינלאנד און דעם תבואה־שפעדיקן שטילן וועסטפאלן, איז דארטמונד געווען די טאג־און־נאכט צעטומלטע, פארקאפטשעטע, קוימען־צעפלאמטע — אין גייענדיקע שיכט ארויף און אראפ! די דרייענדיקע רעדלעך אין די שטייגער־טורעמלעך הערן גאנצע טעג נישט אויף מיט זייער טומל און גערויש, און די נעכט, מיט די צעפלאמטע קוימענס איבער די רויך־פארכמארטע הימלען,ווארפן אן אן אומהיימלעכקייט.

די פאר צענדליק מנינים־יידן אין דארטמונד, די אלט־איינגעזעסענע יהודים, די אשכנזים פון דורות מיט זייערע ווארענהויזער און באנקן, דאקטוירים און אדוואקאטן, רייזענדער און אנגעשטעלטע; דאס ביסל איינגעבירגערטע גאליציאנער פון פארן קריג נאך, ס׳רוב מיט די קויבערס פון שטעטל צו שטעטל, די הויזירער און מארק־שטייערס און די פאר פוילישע, צוגעקומענע בשעתן קריג, אלע זענען זיי מיטארייַנגעצויגן אין די רוישיקע, רויך־פארקאפטשעטע קוזשניע, אין דעם הוזשעדיקן, אטעם־פאכעדיקן ארויף און אראפגייענדיקן בלאז־זאק.

ווי צווישן די הונדערטער קנייפן, קאשעמעס, ביליקע הייזלעך און רעסטאראנען, דער ראטסקעלער, פארן העכערן באאמטן און בעסערן בירגער, איז וואולפס כשרער רעסטאראן געווען דער מקום־מנוחה פאר א בכבודיקן בעל־בית, וואס זוכט א פערטע האנט און צו כאפן אן אמתדיק שטיקל יידישע

פיש, א שמאלציק מעגעלע, אז ס'זאל רינען איבער דער באָרד; א שטיק שבת־דיקן קוגל און א טעלער יויך מיט קרעפּלעך און א סאמע מיטן מיטוואך.

און אלע פרייטאג־צונאכטס, נאכן גאטעסדינסט אין דער סינאגאגע, זענען דארט געזעסן פייערלעך־געמיטלעך איבער א מגין שטאמגעסט ארום שבתדיק געדעקטן טיש מיט די אנגעצונדענע, זילבערנע קאנדעלאבּרעס, מיט די דאמפנ־דיקע, געשמאקע מאכלים, ריידניק פון „שמאנצעס" און שטיל־אונטערברומענ־דיק פון די „געבעט־ביכער" די זמירות, און צום סוף בחברותא־זינגענדיק פון אויסנווייניק ווי א גוט־איינשטודירטער מענער־כאר פון א געזאנג־פאריין, די דייטשמערישע „הרחמן'ס" ביים בענטשן.

און פון די „לינקע" אויבן, פון „הערבערג צום יונג־געזעלן", אז ס'האט זיך עמעצן פארגלוסט נאך אביסל יידיש עסן, נאך א שבתדיקן טיש, און מ'האט געהאט א פרייע „שיכט" אין א פרייטאג־צונאכטס, האט מען זיך אראפ־געכאפט צו וואולפן.

אפילו די לינקע־שבלינקע האבן נישט געקענטביישטיין דעם יצר־הרע „קומסט אראפ אין יידישן הייזל?" האט מען זיך קלוימערשט געוויצלט...

* * *

ווי נישט איז שבתדיק זיך אביסל צורעכטגעמאכט, גוט־אנגעגעסן ביי וואולפן, זענען מיר אהינגעגאנגען צו שמעון ראטנערן.

עס איז שוין געווען נאכן בענטשן! אויפן זויבער־אפגעריניקטן טישטוך איבערן גרויסן, אויסגערוקטן טיש, ארום די האלב שוין אויסגעברענטע סטעא־איבערן רינענע ליכט אין די זילבערנע לייכטער און האלבן חלה־קוכן אינמיטן, א זאפרן־שמעקעדיקן און הויך־אויפגעגאנגענעם, באשטעלט מיט שבת־אויבס טעלער, פינקלדיקע גלעזער טיי מיט לימענע זענען שוין געזעסן שבתדיקע געסט — דער „חלוץ" פון „אויבן" איז אויך דא! די נשמה־יתירה ליגט זיי אויף די פנימער ווי זיי זיצן אזוי בעל־ביתיש געמיטלעך, שמועסנדיק, זיך אונטער־האלטנדיק.

שמעון ראטנער, דער בעל־בית פון הויז, אונז זעענדיק אריינקומען, האט זיך ווי געשעפטלעך־פלינק אויפגעכאפט, און אין עפּעס דערמאנענדיק זיך... נישט נאר, אז ער האט א גאסט איינגעלאדן, נאר אין עפּעס וויכטיקערס, אין אן איינפאל, אין א וואזשנעם פלאן... און באלד אריין אין זיין ראָלע און אונז אקיינגעגאנגען מיט ברייטקייט אין זיין צעפלאשעטן פליושענעם כאלאט, א צעקנעפלטן נאך דער שבתדיקער סעודה, מיט א ברייטן „גוט שבת!"

„ברוכים הבאים", האט ער דאס זיידענע, קיילעכדיקע קאפּעלע העכער א רוק ארויף געגעבן אויפן קאפּ: „דו ווייסט דאך, אייערנעכטן, דער בריוו פונם סאסנאוועצער מורה־הוראה", ווענדט ער זיך צו א פריילין מיט פריילעך־פינקלענדיקע אייגעלעך, ענלעך צו זיינע. „יא, אויב איך האב נישט פארגעסן, הערר שטענצל? און איר, ווי איז אייער ווערטער נאמען?"

„הערר וויעוויארקע!" שרייט דאס פריילין אויס און דאס קול איז נאך פריילעכער ווי די בליצנדיקע אייגעלעך, וואס גייען פלינק פון וועוועשען צו מיר און פון מיר צו וועוועשען: „געדענקען זי, מיר געטאנצט א וואלץ אויף



אונזער חול־המועד באל? האפנטלעך שרייבן זי בעסער, הערר שריפטשטעלער, ווי זי טאנצן".

דאס פריילין האט זיך אויפגעשטעלט און וועוועשען מיט זיך אריינגענומען צווישן די יונגע געסט. מיין בלאנד צוויי־שפיציק בערדל האט זי עפּעס אפ־געשראקן, און מיך געלאזן שטיין ביים פאטער. האב איך געהאט א רגע צייט אפּצואטעמען איידער איך האב מיך געזעצט אויפן בענקל אויבן ביי אים אויב־נאן.

אין דער פרעמד, נויט, טומל, שפּעקולאציעס, און אין סאמע מיטן — שבת! אזא ווארעמע, ליבלעכע; אלץ פון די לעצטע טעג, די פארגאנגענע וואכן פארשוואונדן, אויס; אזא ליבלעכע היימישקייט צוגעשוואומען צו אן אינזל — אויף יענער זייט סמבטיון!...

די בעל־ביתטע, הערנדיק דאס גערודער, האט זיך באוויזן מיט א שמייכעלע און בעל־ביתיש גוידערל אין טיר פון קיך: „ביטע, ביטע, בלייבט", זיך אויס־געדרייט און שנעל אריינגעקומען מיט צוויי פרישע אנגעגאסענע גלעזער טיי, און זיך אנידערגעזעצט צווישן די געסט.

וועוועשע, מיט זיין שיפלעך־געבייגט קעפּל, מיט זיינע געשפּיצטע ליפּלעך פול מיט שמייכל, איז שוין גאנץ אריינגעטון אין א שמועס מיטן פריילין, מיט וועלכער ער האט דאס געטאנצט דעם וואלץ אויפן באל. זיינע שפּיציקע אייגעלעך זענען ווי אריינגעשטאכן אין איר און די ווערטער טאנצן אים פון מויל אראפ. אלע ארום הערן זיך צו.

ער רעדט באגייסטערט פון אונזער פלאן, פון דער ליטעראַרישער אויס־גאבע, איבער מיין באלאדע „די פארשאטענע", וואס וועט אין אים אריינקומען. טאקע „היימאט־דיכטונג" איבער דארטמונד, איבער דעם מקום דא, די וויכטי־קייט פון א יידישן ישוב... ער ציטירט פון אויסנווייניק שטיקער פון זיינע פראגמענטן. „זאל די וועלט וויסן דעם גאנצן אמת, איבער אונזערע ליבע שכנים די פאליאקן"...

דער בעל־בית איז גאנץ פארטון מיט מיר, ווי אין א מסחר. באטראכט מיך און בלייבט הענגען מיט זיינע פינקלדיקע אייגעלעך אויף מיין צוויי־שפּיציקן, בלאנדן בערדל, און אפּנים עס פּאסט אים גוט אריין אין זיין וואזשנעם פלאן... ער רעדט פון זיין משפּחה, פון קינצקער רב, און וויאזוי ער איז, נאך מיט א פינף יאר צוריק, ברוך השם, דא פארווארפן געווארן אין דעם פארקאפּטשעטן דארטמונד.

יא, ס'פּאסט אים איין א וואזשנער פלאן. עס וועט ווי געוואונטשן זיין פאר ביידע צדדים... מען טאר טאקע שבת נישט רעדן פון מסחרים, אבער מכּוח שהוכים און חנוך־בנים איז מותר... ער ברויך עס נאר איבערצורעדן מארגן אין דעם בית־מדרשל און אלץ איז כתוב וחתום... די גאליציאנער קוקן אים אין מויל אריין... א חברה עמי־הארצים איינס ביי איינס...

„יא", שרייט דער „חלוץ" איבער וועוועשען ביי דער אנדערער זייט טיש: „איר מאכט דעם חשובן אן דעם בעל־בית! ווייסט איר, אז מ'ווייזט אונז שוין דא די טיר? יעדע וואך ווערט אלץ מער אפּאר ווייניקער פון אונז...די דייטשן

קומען צוריק, ס׳גלוסט זיי נישט אראפצוגיין דא אין די לעכער, אין די אקאפעס פילן זיי זיך בעסער . . . אבער גויט ברעכט איקן. איך גרייט מיך אויך בקרוב אין וועג אריין. איך וועל נישט װארטן אויף כבוד ביז מ׳וועט מיך הייסן גיין . . . און איר קומט דא אן מיט אייער זשורנאל: ,פעלקער פון אלע לענדער פאראייניקט אייך׳!" צעלאכט ער זיך ווי ער וואלט אלע ארום טיש, נישט נאר וועוושען, אין פנים אריין געלאכט:

„איך געב אייך נישט קיין צוויי יאר און קיין איינער וועט נישט זיין מער אונטן, אונטער דער ערד. זיי וועלן שטיין אויבן מיט טישלעך, מיט סטראגאנעס איבערן מארק".

די לעצטע ווערטער, וואס זענען ארויסגעזאגט געווארן אויסדריקלעך, און מיט א טאן העכער, האט שוין הערר ראטנער אויך דערהערט און איבערגעריסן זיין שמועס מיט מיר איבער דעם װאזשנעם פלאן:

„און איר, מיין יונגער פריינט, איר האט נאר איין רעצעפט צו אלע אונזערע צרות און אומנארמאלקייט — פאלעסטינע? און ,פעטיע מעטיע?׳ און דער ,וואס תאמר מה נואכל?׳ וויאזוי ווערט פארענטפערט?

„נו, נו, לאזט וועוושע נישט איבעררייסן זיין זשורנאל־פלאן אין א דיסקוסיע: מילא, מהכי־תיתי, אבער דא אין רוהר, רהיינלאנד־וועסטפאלן וועט שוין בלייבן א יידישער ישוב . . . זיך דארגראבן דא צו א שטיקל ערד און די מקומות ארום ביז קעלן, דיסלדארף . . . איר ווייסט דאך, דער יידישער מאלער אין דיסלדארף, יאנקל אדלער" . . .

„ווייס איך וואס? פלענער, פלענער, יידישע פלענער . . . בוידעם, קלאץ, לאקשנברעט . . . אן אויסגעבלאזן איי!" . . .

פרוי ראטנערס אריינקומען מיט א טאץ מיט שיסעלעך מיט איינגעמאכטס האט די געשרייען איבערגעריסן: „אהא, עס האט זיך שוין אנגעהויבן!"

איר, דער בעל־ביתטע ראטנער, א מאמע פון א טאכטער שוין ראוי לחופה, איז נישט ניחא געווען אזעלכע טומלדיקע שבתדיקע באזוכן . . . זי האט געמיינט תכלית. ס׳קומען בחורים, מען אונטערהאלט זיך . . . איר מאמע־הארץ וויל דערלעבן נחת . . . פון קיין מחלוקת קומט קיין גוטס נישט ארויס . . . א נייע מעשה, ווי רופן זיי עס, דיסקוסיעס.

כאפנדיק א בליק אבער, ווי איר מאן זיצט מיט מיר אויבנאן, איבערגעריסן אין זיין חוקר־ודורש זיך און דערזעענדיק מיין בלאנד בערדעלע שבתדיק באלויכטן פון די שוין כמעט־אויסגעברענטע ליכט, איז זי אריין צוריק אין מאמעדיקער ראלע: „קינדערלעך, פארזוכט בעסער מיין איינגעמאכטס, וועלן אייך פארגיין אלע קריגערייען".

די אמתע דיסקוסיע האט זיך ערשט אנגעהויבן אויפן וועג אהיים צווישן וועוושען און דעם חלוץ. עס איז געווען „קאסא נא קאמיען", אויף לעבן און טויט — די געוואלדן האבן זיך געריסן אין הימל אריין:

„מיט אייערע פראלעטאריער, מיט אייערע יידישע הארעפאשניקעס, עס איז אלץ קאפ־ארבעט, מויל־מלאכה. יא, מ׳ארבעט אזוי לאנג ביז מ׳ארבעט זיך ארויף, ביז מ׳ארבעט זיך ארויס עפעס א פיין געשעפטל . . . די גלות־פסיכא־



לאגיע וועט פריער נישט אויפהערן, קיין סוף נישט נעמען ביז . . .

וועוושע לאזט זיך נישט. ער מאכט עס קודם סארקאסטיש. ער וויל געווינען צייט: „אוודאי, זייט ווען איז דאס ארבעט געווארן א מצוה? דאכט זיך ,בזיעת אפיך תאכל לחם" איז נישט צווישן די תרי״ג מצוות. ווער ס׳האט נישט קיין שכל, בעלגישע פערד מוזן ארבעטן" . . .

„שכל, מישטיינסגעזאגט — שאכער־מאכער! כאפן א נארישן גוי און אים אויסטראיען אין א פאפירענעם אנצוג".

דא האט זיך שוין וועוושע נישט געקענט מער איינהאלטן און זיך צעשריגן מיטן גאנצן כוח: „אזוי, רעדט איר דאך שוין ווי אן אמתער אנטיסעמיט! דאס זאג איך דאך טאקע, אז די אידעאלאגיע פון א ציוניסט איז אנטיסעמיטיזם".

מיר זענען שוין געווען צוגעקומען צו די שמאלע געסלעך ארויף צום בערגל, צווישן די „פוילישע הייזער". האט זיך א פענסטער אויפגעריסן און אן ארויסגעריסענער אינמיטן בעסטן שלאף האט ביזן ארויסגעשריגן: „טשיכאי, זשידזשיע!"

מיר האבן זיך שנעל צוריק אריינגעדרייט צו דער שטאט צו און די דיסקוסיע האט זיך ערשט אויפן רעכטן אמת צעפלאמט:

„ס׳וועט אייך העלפן אייער גאנצער פאלקיזם, הערר שריפטשטעלער", די לעצט צוויי ווערטער אויף דייטש און סארקאסטיש איז שוין ארויסגעזאגט געווארן פערזענלעך, — „ס׳וועט אייך העלפן ווי א טויטן בייַנקעס. ס׳וועט אייך קוים סטאיען פאר א פעליעטאן אונטערן שטריך . . . דער גאנצער פאלקיזם אייערער איז א מלחמה־סוראגאט . . . לאקשן" . . .

„יא, לאקשן זיינען צום עסן . . ." צעלאכט זיך וועוושע, „וואו וועט איר אהיננעמען אכצן מיליאן יידן אין אייער פאלעסטנעי? קדחת אין א קליין טעפעלע?" . . .

„אזוי איז עס טאקע!" ער האט אויסגעזעען, סילועטיש־באלויכטן אין דער האלב־אויפגייענדיקער לבנה, ווי דער שטארקער, הויכער, מיט די צוויי אויפגעהויבענע, פעסטע ידים וויל זיך ווארפן אויפן קליינעם מיט דעם שיף־אויפגעהויבענעם, סארקאסטיש־שמייכלדיקן קעפל, עס צו צעמאלן אויף פראך:

„מיר וועלן פריער נישט פעאיק זיין צו ארבעט, האבן מוסקולן אין אונזערע הענט, ביז מיר וועלן נישט אראפטראגן די אלע שטיינער פון די הרי־ירושלים און גליל־התחתון און אין נגב־טאל, דעמלט ערשט", האט ער זיך צעשריגן, ווי א מטיף אויף א בינע, „וועלן מקוים ווערן דעם נביאס רייד: והיה העמק למישור. ביז דעמלא וועלן מיר האבן אטשיסקעס אויף אונזערע פיס, נישט קיין מאזאליעס אויף אונזערע דלאניעס". ער איז שטיל געווארן, צי ווייל דער טאן איז געווען צו הויך, צי ווייל ער אליין האט דערפילט פרעמדס אין זיין קול. וועוושע האט אבער אויך געשוויגן. ער האט ווייטער אנגעהויבן, שטיל ווי צו זיך:

„מירן ווילן זיך רק ארויסדרייען מיט ווערטער אנשטאט מיט ארבעט . . . מיר האבן על כל צרה שלא תבוא א תירוץ — עס וועט אבער נישט העלפן . . . יענע, וואס האלטן די קאסעס און די העק אין די הענט, זיי נעמען נישט אן

אונזערע תירוצים" . . . דער מולד שווימט בלוטיק פון איין כמארע אין דער צווייטער, ווי עפעס פאלווירנס אין מיטן וועג, ווי געיאגט פון וועם און ווערט אלץ מער פארפלאנטערט און בלוטיקער — הינטן פלאמען די הויכע קאפאלניע־קוימענס, ווי זיי וואלטן באלויכטן אונזער קאמישקייט, אונזער שרעק; מיר האבן זיך אלע דריי אנגעקוקט, ווי מיר וואלטן זיך ערשט יעצט דערקענט; וואוועשע איז נאך קלענער געווארן ווי ער איז געווען. דער חלוץ האט דערשפירט זיין כוח איבער אונז און ווייטער גענומען ריידן:

„ווי האט יענער תנא געזאגט? עס וועט מיר וואקסן האר אויף דער דלאניע אין דער בן־דוד וועט נאך אלץ נישט זיין — יא, עס מוז וואקסן מאזאליעס, נישט קיין האר, אז די גאולה זאל קומען . . . מיט פלפול, מיט כשר מאכן דעם שרץ מיט ק"ן טעמים . . . דער אמת ליגט אפן אויף דער האנט", האט ער אויפגעהויבן זיינע הענט, פול מיט פארהארטעוועט־פארשטיינערטע מאזאליעס, ווי זיי צו ווייזן וועמען . . . עמעצן אויבן אויף דער לבנה! . . . ער האט פלוצלינג אפגעהאקט אינמיטן און פארביסן די ליפן.

מיר זענען געגאנגען ווי דריי באוועגלעכע סילועטן, ווי לבנה־וואנדלער. יעדער האט זיך געטראכט זיינס.

די גאנצע צייט פון זייער האמפערן זיך בין איך געווען שטיל, נישט ווייל איך האב נישט געהאט וואס איינצואווענדן, נאר בשעתן צוהערן זיך צו זייערע רייד, האט מיין מוח געארבעט אהין און אהער. „יא" און „ניין" געזאגט צו דעם פארשלאג, וואס הערר ראטנער האט מיר פארגעלייגט. פון איין זייט האט עס געלאקט און פון דער אנדערער זייט האט עס געשלאגן ווי מיט א פיערדיקער רוט. עס האט געחוזקט: „אליין פרעסט עס כל דבר אסור און ס'וועט פסקענען שאלות" . . . אויב א שיקסע ביים רב קאן, פארוואס נישט א שגץ? האב איך אין מיר אריינגעלאכט: מרא דאתרא דק"ק דארטמונד! . . .

דער חלוץ האט געמוזט גיין שלאפן, ווייל זעקס אזייגער פארטאגס מוז ער גיין צו זיין „שיכט". כאטש אריינכאפן נאך א דריי־פיר שעה שלאף. מיר זענען געבליבן דרויסן אויפן בערגל.

ס'איז געווען א וואונדערלעכע פרילינג־נאכט. אלע רויכערנדיקע קוימענס אין רוהר־געביט קאנען אזא צעשטערנטן הימל נישט פארקאפטשען. פארקערט, די פלאמענדיקע קוימענס געבן נאך צו א מין מיסטישע שיינקייט צו דעם ספעקטאקל, וואס הייסט פרילינג־נאכט.

מיר האבן זיך אזוי געדרייט ביז פארטאג, ביז עס וועלן אויפשטיין די, וואס גייען צו זייער טאג־שיכט און מיר וועלן זיך קאנען לייגן אין זייערע בעטן אריין. מיר האבן גערעדט און גערעדט. מיר האבן די זאך געדרייט אהער און אהין און אויף אלץ האט וואוועשע געהאט א באווייז און א ראיה:

„האבן מיר דען אן אנדערע ברירה ווי אלץ אויסנוצן לטובת אונזער זאך? . . . פארן שאפנדיקן איז אלץ כשר . . . מען באמיסטיקט מיט דרעק, כדי ס'זאלן וואקסן בלומען . . . פארשטייסט, מיר וועלן האבן א היים . . . ווער ברויך דען צו וויסן . . . דיינע לידער וועלן גיין אונטער א פסעוודאנים . . . אזויפיל תורה וויפל זיי האבן דא נויטיק, האסטו די והותיר" . . .



„אבער פארשטיי דאך, ווי קאן איך שרייבן א ליד, אז ס'הארץ איז נישט ערלעך, אז ס'הארץ איז נישט פול דערמיט?"

צעלאכט ער זיך: שיטה בן־פיקהאץ, שרייבט מען א ליד, „מיין הארץ איז נישט ערלעך". דאס זענען דאך דווקא די ערלעכסטע און בעסטע לידער"...

* * *

מיין אויסזען, מיין הילוך, מיין באנעמען האבן געמאכט דעם איינדרוק ווי פון א בן־תורה. כ'בין טאקע נישט געווען דער גרויסער תלמיד־חכם, אבער אן אויסגעווייקטער אין תורה. דאס הויז אונזערס איז געווען אזא, די משפחה, דער שיחות־חולין מיינער איז געווען פון א תלמיד־חכם, און אינגאנצן קיין עם־הארץ בין איך אויך נישט געווען. טאקע נישט געהאט „סדר נשים" אויפן קאפ, נישט געקענט סדר נזיקין בעל־פה ווי די ליטווישע עילוים, אבער געווען א בן־בית אין א שטיקל גמרא מיט תוספות, געזעסן ביים יורה־דעה א יאר ביי שלמהן און איבער א יאר ביי לייב־הערשן. און ביים אור־חיים מיטן מגן־אברהם האט דער טאטע מיך אלס ייִנגל שוין געהאלטן יעדן שבת און יום־טוב. און אין א פלפול־ספר אריינצוקוקן איז דאך געווען די הנאה פון א בית־מדרש בחור, און דער ספארט — דער גראבער פינגער האט זיך פון אליין געדרייט . . . און א חסידישע תורה כאטש זאגן אויף יעדן פסוק . . .

אין פוילן אין בית־מדרש, אין שטיבל, האט מען נישט געלערנט צו קריגן סמיכה, אפילו נישט צו קענען לערנען; מ'האט געלערנט מקיים צו זיין די מצווה פון והגית בה יומם ולילה — דאס פוילישע בית־מדרש, דאס חסידים־שטיבל האט געלייגט א חתימה אויף איינעם, אויף זיין אויסזען, אויף זיין באנעמען. אפילו דעם קאליע געווארענעם איז געבליבן דאס „לחלוחית שבה" פון ווייקן אמאל אין לערנען . . . און ווילאנג בין איך הען אוועק פון טאטנס טיש, פון דער בית־מדרש־באנק, פונם חסידים, שטיבל־אטמאספערע?...

מיך נאר דערזעענדיק, איז שוין שמעון ראטנערן געקומען אויפן געדאנק, אז ער האט געפאקט די כלי, וואס ס'איז אים נויטיק . . .

„א שיעור גמרא פאר אפאר בחורים וועט איר דאך קאנען זאגן, עין־יעקב בין מנחה למעריב פארן עולם וועט איר דאך קאנען לערנען". די פאר פוילישע וועלן דאך זיין מיט אים און דער פרעזידענט, דער רייכער גאליציאנער שמאטע־הענדלער, קוקט דאך נאר אים אין מויל אריין און א שטיקל מחלוקה לשם־שמים איז אויך נויטיק, כדי א קהלה זאל האבן א קיום . . . „איך ווייס דאך ווער איר זענט פון דער היים. ס'איז מסתם מן־השמים, אז ס'האט זיך אזוי מסתיע מילתא געווען" . . . און ביים אוועקגיין פרייטאג־צונאכטס האט ער מיך געהייסן, למען השם, אריינקומען צו אים אין געשעפט אריין מאנטאג נאכמיטאג און ער וועט שוין דעמלט וויסן אלץ גענוי — „זיכער איז זיכער".

מאנטאג, קומענדיק אין געשעפט אריין, האט ער מיך מקבל־פנים געווען: „מזל טוב, דארטמונדער רב! דער פרעזידענט קען דאך אייך און ער האט א פול מויל מיט זאפט פון אייך — ער אליין האט געהאט דעם איינפאל, האט ער מיר געזאגט „איר פארשטייט, ער פארגינט עס מיר נישט . . ."

ער האט מיך נישט געלאזט קומען צום ווארט: „איר זעט דאך דא איז א

געשעפט. איר וועט זיין מיין גאסט אויף שבועות, איר וועט האלטן ביי מיר יום־טוב. איר קומט מארגן מיט אייערע זאכן, איר וועט האבן אן עקסטרע שטיל חדר און צוגרייטן אייער אויפנעם־דרשה פארן צווייטן טאג שבועות — עס מוז זיין כפתור־ופרח. זאלן גאליציאנער זעען וואס א פוילישער קען! מיט א פלפול, מיט א דובנער מגידס א משל. עס וועלן זיין די פרויען אין דער ווייבער־שול.

„איך זאג אייך, הערר שטענצל . . . ווי הייסט איר אייגנטלעך ביים ייִדישן נאמען? יא, ר׳ אברהם־נחום, איר זענט געבוירן אין א הייבל . . . אייער זיידע האט זיך פאר אייך געמיט . . . גארנישט, קיין ווארט נישט, מיר וועלן האבן א גאנצן יום־טוב הערפאר“.

ווען איך בין ארויס פון געשעפט א האלב־צעמישטער, האט מיך וועוועטשע מקבל פנים געווען מיט א „מזל־טוב, דארטמונדער רב!“ און געקייכט פאר געלעכטער. מיך גענומען אונטערן ארעם און אין איין אטעם זענען מיר שוין געווען הינטער דער שטאט דארט, וואו די עפל בליען; וואו דער עפל־זאפט שיסט פון די פלאשן ווו די פארלעך־געלעכטער שוימען אין הימל אריין.

מיר האבן זיך ביי א טישל אין גארטן נישט אוועקגעזעצט: האב איך גע־פילט, אז עפעס פארפליכטעט מיך?... איז עס געווען אן אומרואיקייט, וואס האט מיך געטריבן? מיר זענען אזוי שעהן געגאנגען און וואוטשע האט מיר קלאר געמאכט, אז דאס איז אייגנטלעך די איינציקע שאנס, וואס איך האב געקענט האבן: ווארום באמת איך וועל מיך אראפלאזן גראבן קוילן?... קיין פראפעסיע האב איך נישט . . . און סוף כל סוף איז לערנען אויך א שטיקל פראפעסיע. „האסט דאך אין מזרחי, געזאגט א שיעור יעדן אינדערפרי“.

איך האב אים געוואלט געבן צו פארשטיין, אז אייגנטלעך וואס קען איך? סיסטעמאטיש קען איך דאך גארנישט. וואס כ׳בין איז א שטיקל יודע־ספר...

„פאר זיי דא ביסטו א גאון הגאונים איך האב גערעדט מיט דעם ד״ר יאקאב. כ׳זאג דיר ס׳מינדסטע בחורל אין דער היים האט מער אין זיך תורה“.

„אבער איך בין דאך א פושע־ישראל, איך גלויב דאך נישט!“

„דו הייבסט שוין ווידער אן מיט דיינע משוגעתן? . . . און ער, דער ד״ר ראבינער, איז ער דאס דער גרויסער גלויביקער? עס איז צום לאכן!“

„און וואס וועט ווערן מיט מיין שרייבן?“

„טאקע ערשט איצט וועסטו האבן מנוחה, וועסט לערנען דייטש, די דייטשע ליטעראטור, היינריך היינען, געטען . . . האט נישט יהודה עלזעט, דער גאמבי־נער רב, אונז פארגעלייענט זיינע ליבע־לידער?“

וועוועטשע האט געהאט דאס לעצטע ווארט! מיר האבן זיך צוגעווארפן ווערטער, ווי באלן, און ער האט געוואונען.

מיר האבן היינט אונטע־ברויט געגעסן ביי וואולפן. עפעס האב איך נישט געהאט קיין הארץ ארויפצוגיין אויבן אויפן בערגל אין „הערבערג צום יונג־געזעלן.

„וויסטו,“ הייב איך אן, פארטראכט מיטן אין עסן. „דער יונגערמאן געפעלט מיר . . . ער איז א גאנצער, דאס וויל ער און דאס טוט ער. ער שטייט



מיט בײדע פיס אויף דער ערד . . . מיר זענען אפגעריסן פון איין וועלט און צו דער צווייטער נישט דערגרייכט; האבן גארנישט אונטער די פיס, זענען מיר ,פוסעים על שני הסעיפים׳...“

„יעצט רעדסטו שוין, וועסט מיר מוחל זיין, ווי א רב א בטלן, מיט פסוקים... מיר זענען נאך יונג, מיר וועלן נאך דערגרייכן“.

„אבער ער איז דאך נישט עלטער פון אונז!“

„דו מיינסט דעם חלוץ, דעם זשלאב, דעם אנגעצויגענעם אויטאמאט? ער ווייסט וואס ער וויל? ער טוט וואס מ׳האט אים איינגערעדט, די מטיפים אויף די מאסן־פארזאמלונגען“.

„לאמיר נישט ווידער אנהייבן מיט ווערטער. איך וויל נישט וויסן צי דו ביסט גערעכט צי ער. איך מיין דעם מענטש גופא, א גלייכער, געזונטער מענטש, א גאנצער. ער איז גרייט זיך מקריב צו זיין פאר עפעס בכל לבבך ובכל נפשך . . . האב איך אזא זאך נאך, פארוואס איך זאל מיך מקריב זיין; האב איך נאך בכלל כוח דערצו, אז איך וועל אפילו האבן פארוואס מקריב צו זיין...“

וועוועטשע הערט אין מיין פארטראכט קול, אז איך רעד אייגנטלעך צו מיר אליין. נעמט ער פשוט קיין נאטיץ נישט און גייט אן ווייטער מיט זיין עסן.

קיגנאיבער אונז זיצן צוויי יידן און ענדיקן זייער סעודה און רופן צו אונז אריבער: „וועט איר אונז ענטפערן?“ און זיי הייבן גלייך אן: „רבותי, מיר וועלן בענטשן!“

* * *

ערב שבועות פארנאכט בין איך געגאנגען — ניין, געפירט געווארן! — אין בית־מדרשל אריין. עס איז אויסגעפוצט מיט גרינס, ציכטיק און באלויכטן. ווייסע טישטיכער אויף די צוויי לאנגע טישן, אויף יעדן א שנופ־טאבעק פושקעלע אין דער מיט. די לאנגע בענק ארום זענען באזעצט. ביי אן אפענער גמרא „שבת“ זיצט געבויגן א ייד מיט א יונג בחורל און לערנט מיט אים די אגדתא פון קבלת התורה. ביי דער טיר, ביים כיור, שטייט א זקן און ווישט זיך די הענט און קוועטשט זיך מיטן „אשר יצר“ — אלץ ווי אין דער היים, ווי נאכקאפירט . . .

פון דער מזרח־וואנט זע איך צוקומען צו מיר א ייד אין א צילינדער, ס׳איז דאך דער רייכער איזן און שמאטע־סוחר, מיט זיין וואג ביים בערגל. איך וויל מיך פרייען מיט אים: זע נאר, קוים דערקענט... און באהערש מיך. ער נעמט מיך אן ביים ארעם און פירט מיך ארויף צו זיך און באזעצט מיך „ביים סאמע ארון־קודש“ . . .

יידן, מאנכע אין אטלעסענע קאפאטעס, בחורימלעך, מאנכע מיט ארויס־בלאזענע פון הינטערן אויער געדרייטע פלעשלעך־פאות, קומען צו מיט פריי־לעכן, היימישן דרך־ארץ. די בחורימלעך רוקלען זיך און געבן מיר „שלום עליכם“.

ווי דער טאטע וואלט עס געטון, ווי שלמה, ווי דער זיידע און דער עלטער־זיידע זצ״ל, וואלט עס געטון, ציט זיך מיר די האנט פון אליין ארויס און גיט א קניפ אין בעקל, א גלעט א פאהלע . . .

ס׳איז אלץ געווען אזוי נאטירלעך, אבער עפעס ווי אין א רויש, ווי אין א היפנאזע.

כ׳האב אריינגעווארפן א ווארט, ריידנדיק מיט א ייד, וואס קען זיך אויס אין די קליינע אותיות; דערמאנט א שיחות־חולין פון א גאון, א גלייכווערטל, א תורה פון א רבין, געפרעגט א בחורל וועלכע גמרא ער לערנט; געדאוונט, מיך געשאקלט, אבער אין מיר זענען ווי געזעסן צוויי מענטשן — ווי צוויי דבוקים, חס ושלום, וואלטן זיך געווען באזעצט! און יעדער האט געטראכט זיינס, געטענהט זיינס, געהאמפערט — מאנכעס מאל הויך אויסגעשריגן אפילו מיט די ווערטער פון מחזור, מיט א נישט־פארשטאנען ווארט פון יוצר.

איך וועל דאך פון זינען אראפ! בין איך געשטאנען שטיל ביי „שמונה־עשרה“ און מיך צוגעהערט ווי די צוויי טענהן — כ׳האב פארגעסן „אויסצוגיין“.

שא, שא“, האב איך געהערט א קלאפ אין שולחן און פארשטאנען, אז מ׳ווארט כ׳זאל מיך „אויסרוקן“; און כ׳בין שנעל אויסגעגאנגען „שמונה־עשרה“ . . .

אין אונז שטעקט גזעדיקס, ירושהדיקס, קעגן וואס מיר זענען אוממעכטיק; אזעלכעס, וואס ארבעט אין אונז זעלבסטשטענדיק, אן אונזער וויסן. און די באשלוסן, וואס ארבעטן אקייגן, מוזן אויך זיין פון אזא אומבאוואוסטער מאכט אין אונז; אויך מסתם גזעדיק און ירושהדיק נאך פון דורות פון אסך פריערע. אז נישט, איז מען מאכטלאז, מ׳ווערט צעריבן אונטער דעם געראנגל — מ׳דערגענערירט. כ׳פיל, אז כ׳קריג כוחות און דווקא פונם געראנגל . . .

אהיימקומענדיק פון בית־מדרשל, איז דער טיש געווען מלכותדיק געדעקט און פון דער קיך איז אריינגעקומען דער ראנגלדיקער ריח פון די געשמאקע געפילטע פיש, היימיש־געקאכט, מיטן פוטערדיק פריש־געבאקענעם שבועות־דיקן קעז־קוכן.

איך האב נישט געוואוסט ביים טיש ווי איך זאל מיך באנעמען, צי ווי א חתן־בחור צי ווי א רב? און אין קאפ האט זיך מיר גענומען דרייען פון אין זייט די מארגנדיקע דרשה אויפן מאמר חז״ל, הערנדיק אים, דאס בחורל מיטן פאטער ביי דער אפענער גמרא: „לולי האי יומא כמא יוסף איקא־בשוקא“, און פון דער אנדערער זייט: שורות, אזעלכע נייע, אזעלכע בלאנקענדיקע, ווי ארויסגעפלויגן פון די פינקלדיקע אויגן פונם כלה־מיידל, וואס זיצט קיגנאיבער מיר.

כדי מיך אין עפעס אנצוהאלטן צו געפינען גלייכגעוויכט, האב גענומען מיין חידושדיקן איינפאל נאכזאגן: „איר פארשטייט, ר׳יוספן באטיטלט די גמרא מיטן נאמען „סיני“. איר פארשטייט, לולי האי יומא, די קבלת התורה אויפן בארג סיני . . . איר פארשטייט, איר פארשטייט?“ בין איך אליין פארכאפט געווארן פון מיין אייפטו, און שמעון ראטנער, צעקייענדיקס מיטן קאפ־פיש, קאן זיך גארנישט אפוואונדערן: „א חריפות, ממש גאונות“! . . .

איך בין שוין אינגאנצן געשטאנען אונטער זיין מאכט, אונטער זיין אמביציע, צו ווייזן די גאליציאנער צו האבן א פוילישן רב . . . אדער איז עס געווען די שיינע טאכטער, זיצנדיק קיגנאיבער מיר, וואס איז געווען צנועהדיק־יום־



טובדיק אויסגעפוצט און אזוי פריש־פרילינגדיק געלויכטן אין די בענטש־ליכט און אינם קלינגענדיקן זילבער פון די גאפל־מעסער, אין די בעכערלעך.

אין קאפ דרייט זיך מיר! ווי כ׳וואלט מיך געוואלט אין עפעס אנהאלטן דערמאן איך אין אונזערע זילבערנע בעכערלעך וואס דער וואלאזשינער ישיבה־בחור האט מיטגענומען גייענדיק אין א פרייטיק צונאכט אין טשעלעדזש איבער דער גרענעץ.

כ׳שמייכל צו מיר ווי פון אן איבעריג גלעזל בראנפן, ווי פון עפעס וואס שטייט מיר פאר די אויגן:

דער טאטע קומט אריין צו ר׳איטשען, דעם אלטן בענדינער רב, אויפן טיש שטייט כבוד, א פלעשל משקה און האניק־לעקעך צום פארבייסן, א יינגערמאן אן סימן בארד, אין גויאישע בגדים שטייט איבער אים און ווארפט שטיקער ש״ך, שטיקער קצות, אבער ר׳ איטשע זיצט א נישט־האאדיקער, א נישט טייל־נעמענדיקער, א מרה־שחורהדיקער. מיטן טאטנס אריינקומען שפרינגט ער א פריילעכער אויף אין זיין מבהולדיקן שטייגער: „פון הימל האט מען דיך צגעשיקט, „נעם אים טאקע תיכף ומיד ארויס!“ און צום יינגערמאן זאגט ער: „איר וועט מוחל זיין מיטגייך, ווייזן די בריוו און אלץ וועט אם ירצה השם זיין על צד היותר טוב“.

„דער נעם אים ארויס!“ איז געווען ווי א הילף־רוף, ווי וועלן פטור ווערן פון עפעס, און „טאקע תיכף ומיד“, ווי א שטיק חמץ אין פסח. אבער ס׳האט אויך געקענט זיין ווי אן אויסגעשריי ווען ס׳באווייזט א הילף־מעגלעכקייט אין די ריכטיקע צייט: „נעם אים ארויס קיין טשעלעדזש און טו וואס ס׳איז צו טון! . . ער קאן דאך נישט זאגן וואס, ס׳איז דאך דינא דמלכותא . . .

דער יינגערמאן האט געהאט בריוו צו דר. הילדעסהיימער קיין בערלין. אז דאס איז א בחור מיט גרויסע מעגלעכקייט ממש נפלאותדיקע פעאיקייטן. ער האט זיך ארומגעדרייט איניקע טעג אין טשעלאדזש, געשמועסט מיטן טאטן אין לערנען, געשלאפן אין עס־צימער אויסגעבעט אויף דער סאפע, געשפאצירט יעדן טאג צו דער „קאמער“, געקנאקט רוסיש מיט די „אביעשטשיקעס“, אויסגעקאכט געווארן מיט די וואך־זשאנדארמען, מיטן נאטשאלטניק.

שבת אין דער פרי מ׳קומט אריין אין שטוב דער יינגערמאן איז פארשווינדן און מיט אים די פאר זילבערנע בעכערלעך מיטן פערלמוטערנעם „שבת קודש“ מעסער.

אין דער ערשטער רגע, אויף דער הייסער מינוט איז געווען אן אויפרעגן: אזא זאך, אזא זאך און אין פרייטיק צו נאכטס . . . אבער דער טאטע האט עס גענומען לייכטער: „תלמיד חכם שעבר עבירה בלילה על תהרר אחריו ביום... „דו ועסט דאך“, זאגט ער צו דער מאמען: „ער האט דאך די זילבערנע־לייטער אויך געקענט מיטנעמען . . . פרייטיק צו נאכט ווען די „שווארצערס“ גייען האט אים דער נאטשאלניק א טובה געטון . . . און אפשר האט ער פאר אים גאר געברויכט די פאר זילבערנע בעכעלעך“. מ׳האט געזען ווי דער טאטע האט פשוט אן הנאה פון דער גאנצער מעשה: א ליטווישער ישיבה־בחור . . .

דער טאטע האט געמאכט א שוויג: לאז עס כאטש נישט זיין בפרהסיה!

אבער זונטיק אין דער פרי איז ער אריינגעפארן מיט דער מעשה־נורא צו ר׳ איטשען.

ר׳ איטשען, דער אלטער בענדינער רב, האט אין זיין מבוהולדיקייט, אזש געגומען שטאמלען: „געוואוסט, געוואוסט... אבער די בריוו... דער בחור אליין... התורה שבה... נאר הער: געמוזט אויף א רגע ארויס, כ׳קום אריין, זע איך ער ושלאקעט פון פלעשל . . . געבליבן נשתומם . . . כ׳האב מער קיין הארץ נישט געהאט... און אזא כלי ממש צו שטוינען... מער קיין הארץ . . . אל תסתכל בקנקן . . האט מען דיך מן השמים צוגעשיקט . . . הער א מעשה״ קאן זיך דער אלטער ר׳ איטשע גאר נישט געגוג אפחידושן: „פון פלעשל, פון פלעשל . . . שטייט נישט אויפן טיש א בעכערל ?״ . . .

שמייכל איך צו מיר פון אן איבעריק גלעזל? פון דעם מעשה וואס דרייט זיך מיר אין קאפ? שמייכל איך צום מיידל וואס זיצט קיגנאיבער מיר?

נאך דעם וויין פונם קידוש־בעכער, אויסטרינקענדיק רוב כוס און די טרינקבראנפנס „פאר די פיש און נאך די פיש״ און נאך די שווערע, זיסע מאכלים, בין איך אריין אין מיין חדר א מידער, אבער איך האב דאך נישט געקענט שלאפן.

אין דעם האלב־באלויכטענעם חדר, וואו דאס אפענע, פריש־באצויגענע בעט לויכט ארויס מיט ווייסקייט אין דעם געדעמפטן ליכט, דריי איך מיך ארויף און אראפ. פון ווינקל פון א שויבן־שענקל זע איך ארויסקוקן ספרים מיט גאלד־געליישטע רוקנס: א ווילנער ש״ס, שולחן־ערוך׳ס — אפנים דער שמעון ראטנער איז געווען אן אידעם אויף קעסט און אפשר גאר געקוואקעט אויף רבנות. אריינגעלייגט דעם נדן אין שפעקולאציעס און געמוזט עוקר זיין פון דער היים, און מיטגענומען דאס שענקל מיט ספרים . . . יעצט שטייט עס דא און וויל האבן א תיקון . . .

כ׳נעם ארויס א גמרא, א „יורה דעה״ — כ׳בין אין דער היים. דאס לשון איז מיר שגור בפה . . . כ׳קוק אריין מחבר, אין ט״ז . . . אט דערמאן איך מיך דעם פלפול אויף נ״ט בר נ״ט . . . כ׳ברויך נאר צו זיצן א זעקס־זיבן חדשים מיט התמדה . . .

האט שלמה מיר נישט דערציילט פון איינעם א גדול, וואס איז געווען געכאפט אין „דער מעשה״, זיך אפגעשאקלט און געווארן דאס, וואס געווארן... אבער, אז מ׳שטייט אויף דער גרענעץ, נישט אהין, נישט אהער, וואס הייסט תשובה טון ? . . . אז עפעס שטעקט עס נישט אין קאפ, נישט אין הארץ, אינם נפש — דאס פלייש איז פארדארבן... מבשרי אחזה אלקים — מיין פלייש איז פול מיט גאנץ אנדערע זעואנגען ! . . . אפנים אזא קראנקהייט עס איז אין מיר, אזא מין מיקראב, א שד, א טייוול . . . דער טאטע אפנים האט עס געוואוסט... און די מאמע האט מיר תמיד געקוקט אין די אויגן אריין . . . אט כאפט מיך אן א התמדה און אט די שטינקענדיקע פוילקייט פון ארט מיך נישט צו רירן . . . אלע מסכתות אנגעהויבן און קיין איינע נישט געענדיקט . . . „עבדא בהפקירא ניחא ליה״ פלעגט דער טאטע תמיד צו מיר זאגן . . . אצילות און עצלות גייען ביי מיר האנט אין האנט ! כ׳ווייס נאך איצט ווי ס׳ערשט לייגט זיך אויס



און ווי דאס אנדערע, שמייכל איך צו מיר ביטער: ס׳וועט זיך אויסלאזן ווי מיט שלמה מלך׳ן, ווי מיטן קליביצקער עילוי, כ׳וועל ווערן א גמרא־מלמד, חתונה האבן, א ווייב מיט קינדערלעך און קנעלן . . . אדער א שפעקולאנט און דרייען מיט „לאקשן״ . . .

איך סארפע מיך ווי א הונט אויף דער קייט, כאטש א מעשה מיר אנצוטון... כ׳שפיר ווי ס׳הויבט אן צו ארבעטן אין מיר א פיבער, א תאווה, א שד, א מיקראב: כ׳דערטאפ א שטיקל בליי, א שטיקל פאפיר . . . כ׳בין שוין די נאכט נישט געשלאפן און אזוי ביז ס׳האט אנגעהויבן צו טאגן . . .

* * *

נישט נאר איז ס׳בית־מדרשל געווען פול, נאר די ווייבער־שול—געפאקט ! אלע האבן געוואלט זעען דעם יונגן רב, וואס שטייט אויבנאן אן א טלית: הייסט עס ער איז נאך צום האבן ! נאך א פליוס, אז מוצאי יום־טוב זאל דער קאמיטעט מיך באשטעטיקן . . .

„שלישי״ האט מען מיך נישט אויפגערופן . . . אפשר „שישי״ ? . . . מסתם, ווייל כ׳בין א בחור, קומט מיר „דער מפטיר״.

קיין גוטער „מפטיר״־זאגער בין איך נישט געווען. וואלט איך גערעכנט דערמיט, וואלט איך מיר, ווייניקסטנס, איבערגעקוקט — דער ראדאמסקער „אקדמות״ ! פאלט מיר איין ! און שוין, איך הויב אים אן צו זאגן מיט היימישער הנאה, מיט חסידישן ברען. דאס גאנצע בית־מדרשל האט אנדערש געגומען אויסזעען: יום־טובדיק, סינידיק, די ליכט פארן עמוד האבן געמיגניעט, התלהבותדיק מיטגעציטערט, און דער עולם איז געשטאנען מיט איינגעהאלטענעם אטעם.

וואוטשע האט זיך נישט געוויזן. ער האט מורא געהאט, אז מיט זיין באוויזן זיך קאן ער נאך קאליע מאכן: דער „פרעזידענט״ האט אים איינמאל געטראפן שבת מיט א ציגארעטל אין מויל.

דעם צווייטן טאג שבועות נאך מנחה האב איך געהאלטן די דרשה. ביים ארויפגיין אויפן מעלעמער, האב איך געזעען הינטן ביי דער טיר אויף דער באנק דעם חלוץ. מיין גאנג — וואס איז גארנישט געווען מיינער, דעם טאטנס, שלמהס, ווען ער איז ארויפגעגאנגען האלטן זיין ערשטע דרשה אין טשעלאדזש — האט א ציטער געטון, ווי די ערד וואלט אוועק פון אונטער מיינע טריט.

צוגעקומען צום שולחן, בין איך א מינוט שטיל געבליבן. און ווען כ׳האב אנגעהויבן, איז עס נישט געווען דאס פשטל אויפן מאמר חז״ל „לולי האי יומא״, נאר א זיך צעגיסן אויף א „שיר המעלות״ אין תהלים — ס׳איז דאך דוד המלכס יארצייט, און אריינגעמישט מגידיש־חסידיש־פאעטיש אויך א גמרא אין „שבת״, יענע, וואו דער שטן איז באהאלטן צווישן די בין־השמשות־דיקע צווייגן און לויערט אויף דער נשמה פון דוד מלך ישראל חי וקים.

עפעס רעדט טיילמאל פון אונז ארויס זאכן, וואס מיר ווייסן נישט. עס זאמלט זיך אין אונז, ווי א קוואל אונטערעדיש אין טיפער פינסטערניש, זאמדיק מונטנע און ראפטום שפרינגט עס ארויס קלאר און געלויטערט. מיר ריידן

און מיר הערן זיך אליין צו דעם, וואס מיר ריידן און מיר גלאצן מיט פארגאפטע אויגן . . .

מיין גאנצע דרשה האט זיך געדרייט ארום דעם „נעים זמירות ישראל" און ר׳יהודה הלוי. עס איז אין תוך מסתם געווען דער ראנגלדיקער באשלוס, וואס האט זיך אדורכגעריסן און באשלאסן: „צבי וחמוד ורגיג" האב איך מיט תפארת־שלמה ניגון געטייטשט און געטייטשט . . .

דער אינהאלט פון דער דרשה איז געווען: איז טאקע דא שישים רבוא עדות, אז אויפן הר־סיני האט גאט זיך אנטפלעקט, ווי ר׳ יהודה הלוי זאגט, אבער ווען א ייד צעשרייט זיך מיט א „שיר המעלות ממעמקים" שטייט גאט ממש אים פאר די אויגן, פנים אל פנים רעדט ער מיט אים . . . ווען כ׳האב דאס ארויסגערעדט, איז דער טאטע מיר געשטאנען פאר די אויגן, דעמלט אין בודקעלע פון קוילן־וואגאן אויף דער טשענסטאכאווער ראמפע, שעפטשיענדיק תהילים קאפיטל נאך קאפיטל . . .

ווען כ׳האב געענדיקט, האבן הויך געקלונגען „קדשים" איבערן בית־מדרשל; הענט האבן זיך צו מיר געשטרעקט מיט באגייסטערטע „יישר כוח׳ס". כ׳האב מיך קוים אדורכגעדרענגט צו דער אונטערשטער באנק, וואו דער חלוץ איז געזעסן. צוקומענדיק, האב איך דערזעען וועוועשען, מיטן איינגעקארטשעטן קאפ, אז מ׳זאל אים נישט זען. דער חלוץ האט אויסגעשטרעקט די האנט צו מיר ווי צו ווינטשן מיר א יישר כוח, און וועוועשע האט עפעס געזעען אין מיינע אויגן און געקוקט אויף מיר מיט שרעק, אז כ׳זאל נישט אויפשרייען. כ׳האב מיך צוגעבויגן און דווקא גערעדט שטיל:

„קומט, שנעל מיר נאך. איך מוז ארויס . . . עס וועט דא נאך געשען אן אומגליק . . . היינט אין דער פרי, אין יום־טוב, אנגעשריבן א ליבע־ליד און דא שטיי און האלט דרשות איבער התגלות אלקים, ווער א מדריך פון יינגלעך מיט געקרייזלטע, פלעשעלעך־פאות — דער מרא־דאתרא פון ק״ק דארטמונד: די גאנצע מהומה איז אט־א דאס גראטענע בערדל . . . די סמני־נערות מיינע . . . עס טאר דערפון קיין סימן נישט בלייבן — אפגעגאלט ווערן ביז אויף א האר! . . . אט אויף דעם בערדעלע הענג איך דאס צווישן הימל און ערד".

איך האב גארנישט געקענט ענדיקן! דאס איז מסתם די דרשה פון דעם אנדערן אין מיר, וואס ער האט זי מיר געהאלטן בשעת איך האב געהאלטן די דרשה פארן עולם.

זיצנדיק אויפן רעזורע־בענקל, האב איך נישט געקענט ריידן און מיך צוגעהערט ווי דער חלוץ דערציילט וועוועשען: היינט אין דער פרי האט ער אפגענומען זיין לוין און אפגעזאגט די ארבעט. ער גייט איבער דער גרענעץ קיין האלאנד. ער האט באקומען א בריוו פון א חבר, אז ער האט פאר אים א פלאץ ביי א פויער, וואו ער וועט קאנען לערנען איבערן זומער אביסל לאנדווירטשאפט און ארום ראש־השנה וועלן זיי אפפארן קיין פאלעסטינע.

דאס גאל־מעסער איז מיר שיער נישט אריין אין האלז אריין ווען כ׳האב מיך א בייג־אויס געגעבן מיט אן איינגעהאלטענעם געשריי: „איך גיי מיט



מיט אייך „אפגעמאכט!"

וועוועשע איז געבליבן א טויטער: „כ׳זע דאך, אז דו ביסט שוין טאטאל משוגע . . וואס גלייכסטו דיך צו אים? ער האט אפאר געזונטע ידים; ר׳האט געארבעט אונטער דער ערד, וועט ער ארבעטן אויף דער ערד".

אפגעפודערט, מיך אויפהייבנדיק און מיך דערזעענדיק אין שפיגל אין מיין גאנצער גרויס, האט איך מיך נישט דערקענט. מיין פאריונגטע, לענגלעכע, שפיציקע געמבע האט אויסגעזעען אזויווי גארנישט צוגעפאסט צו מיין גאנץ געשטעל: איך האב גערעדט צו זיי ביידע אין שפיגל אריין און צו עפעס נאך א דריטן, א פרעמדן: „אזוי מוז עס זיין, אפגעמאכט! קומט שנעל, איידער דער שמעון ראטנער קומט אהיים, און כ׳וועל נעמען מיין קאפערל".

נאך אין דער זעלבער נאכט בין איך געגאנגען איבער דער גרענעץ. פארן אריבערגיין האט דער שווארצער. א דייטש דארט אין גרענעץ־דארף, גענומען פארויס פופצן גאלד־מארק; אויף דער אנדערער זייט, אין האלאנד, זאל מען אים צוגעבן די צווייטע העלפט.

אריינשטעקנדיק די האנט אין דער „צוגענייטער וועסטל־קעשענע", האב איך געזעען, אז מער ווי די פופצן מארק האב איך נישט: לאז מיך נאר זיין אויף דער אנדערער זייט — — —

ווען מיר זענען אריבערגעקומען בשלום אויף דער אנדערער זייט און איך בין געשטאנען „רייזע־פערטיק" מיטן קאפערל אין דער האנט נאך אלץ אין דעם בכבודיקן, שווארצן מאנטל און שווארצן הוט און געפילט, אז עפעס פעלט צו רומ״ל, טאקע דאס צוויי־שפיציקע, בלאנדע בערדל . . . דער שווארצער איז צוגעקומען מיט בילעטן פארן ווארטנדיקן צוג נאך אמסטערדאם און איך, דער בכבודיקער „רייזע־פערטיקער", האב נישט געהאט במזומן אים אויסצוצאלן די צווייטע העלפט שווארץ־געלט, האט ער אן שום שהיות מיר א ריס־ארויס געגעבן דאס קאפערל און איז נעלם געווארן.

אין קאפערל האב איך געהאט מיין ביסל וועש, די פאר תפילין מיינע, צוויי קאיעטן מיט די געזאמלטע לידער, די דריי איין־אקטערס. כ׳האב קיין פיפס נישט געגעבן, — ווי ס׳וואלט גארנישט געווען, קיינער זאל נישט מערקן וואס ס׳איז געשען, — כ׳בין שנעל אריין נאך די אנדערע אין דעם שוין רירנדיקן צוג.

## א יארצייט - ליכט

אייערע קברים מעסטן איך נעם,
אלע יאר —ס׳קומט דער חודש אפריל,
די קנויט צו לייגן, צו פארפלעכטן —
א יארצייט־ליכט אויסקנעטן איך וויל.

איך מעסט און כ׳מעסט, ס׳נעמט גאר קיין סוף נישט,
ס׳ציט זיך א קברים־פעלד — זעקס מיליאן;
וואס פאר א געוואלטיק ליכט עס ווערט,
צודערגרייכן אזש ביז צו גאטס טראן.

נישט קיין בענטש־ליכט — א קללה־ליכט ס׳איז!
פאלן זי זאל אויף די מערדערס קעפ.
און ווי ערב יום־כיפור אמאל,
די נשמה־ליכט אין די זאמד־טעפ,

אין א קופע קרעמאטאריע־אש,
טיף דאס יארצייט ליכט איך שטעק אריין;
ביז צום זיבעטן הימל עס דערגרייכט
אנצונדן עס טוט עס — גאט אליין.

ווען נישט די שבועה וואס געשווירן, —
און זיך צוזאגן הייליק גאט האלט, —
א מבול די וועלט װאלט דערטרונקן,
די טרער וואס פון זיין אויג דעמלט פאלט.

## װארשעווער געטא - אויפשטאנד
(סאנעט)

אויב יציאת־מצרים פון עבדות אונז דערליזט,
ווארשעווער געטא־אויפשטאנד פון שאנד אונז באפרייט;
פארן יידישן כבוד אין טויט צו גיין גרייט,
זיינען גבורים אויפגעשטאנען מוטיק און דרייסט.

איבער שטאלצע קעפ שיסנדיקער „האמערשמידט" קרייזט,
אקייגן א שווערער טאנק טויט ארום זיך זייט,
אלע ווי איינער אנגעלאדענער מענטש גייט,
אונטער די רעדער — א „מאלעטאוו־פלאש" אויפרייסט!

פון די פלאמען אן אפגעריסענער שטיק פלאם,
פאלט אויף זיין שונא ארויף און מיט אים צוזאם
אין קייקלדיקער, אויפגייענדיקער גלאווגע־בראנד.

פארגאזטע; פארקוילטע, געקוילעט ווי די שאף — —
א שאנד־פלעק מיר װאלטן געבליבן — א גאטס־שטראף!
ווען נישט די העלדן פון ווארשעווער געטא־אויפשטאנד.

## 3׳טער אפריל 1965 (אין טאג פון פרצעס יארצייט)

וואסערע פעלדזן געמוזט זיין דארט,
אונטער דעם געמויזעכץ און גרויען מאך,
אזא אדלער זיך אויסגעבריט האט
און מיט זיין דזשוב זיך נאך אויסגעפיקט דאך.

און דער צעפאך פון זיינע פליגל,
ווען ענג געווארן ס׳איז אים אין דער נעסט!



איבער אלע שבעה ימים וויט,
אין די וואלקנס געגאנגען זיין פארמעסט.

פון די פעלדזן קיין קריש נישט מער דא —
א שטורעם־נאכט געדאנערט אין געבליצט!
קרייזט ער צווישן די העכסטע הימלען — —
בלויז א רגע רוען ווי קאן ער איצט?

טיילמאל מיט אזא מריטשע געשריי,
לאזט ער זיך צו דעם געמויזעכץ, אראפ,
בלייבט ער שטיין ווי אונטערגעשאסן,
צווישן די פליגל באהאלטן דעם קאפ.

## ביי דער אשוויץ - וואנט

נישט דעמלט אין אשוויץ געווען כ׳בין,
ווען מען האט אין גאז־קאמער געטריבן —
אן עולה־רגלניק, א טוריסט,
א ליד ביי דער אשוויץ־וואנט געשריבן.

נישט קיין קרבן־עולה כ׳בין געווען,
נישט טארטורן כ׳האב דארטן געליטן;
ווי א ייד וואס זאגט קדיש נאך וועם,
א ליד נאך א —קדוש דא פארשניטן.

האט ווער א בלום־בוקעטל געלייגט,
א ליכט געצונדן, א טרער פארגאסן;
מיין ליד — „קוויטל" אנידערגעלייגט,
הייליקן ביי דער וואנט דא געשאסן.

איז געדוך פון גאז אויפגעגאנגען,
דער ריח פון די ברענענדיקע גלידער — —
זייט דעמלט מיין הארץ, פארגאזט, פארברענט,
נקמה — דאס ליד פון מיינע לידער.

## באוויינען און באקלאגן . . .

אין גרוב, מיט אייגענע הענט געגראבן, לעבעדיק באגראבן,
ס׳רירט זיך די ערד, ביז זייער רו די טויטע געפינען;
פון נקמה דאס הארץ צעפרעסן: „קיינמאל נישט צו פארגעסן."
דער מות ווערט גערירט ביז מען גייט אראפ פונם זינען.

די בלוט־באזאפענע רוצחים לעבן, ס׳זאק־רויב צו פארבייסן,
און די ראטן — די ביינער צו גריזשען און צו נאגן!

אויב דאס איז די וועלט אויב דאס איז דאס לעבן, נישט די מתים,
די לעבעדיקע צו באוויינען און צו באקלאגן.

## 19׳טער אפריל 1965

אויב אין ירושלים הענגען די דייטשע פאן, —
זינגען מען וועט „דייטשלאנד דייטשלאנד איבער אלעס״,
ביים כותל־מערבי שטיין וויינענדיק די שכינה,
און איינגעהילטע אין שווארצן אבלות־טלית.

נישט ווארקנדיקע ווערטער אירע מ׳וועט מער הערן, —
ציענדיק געוויין ווי בייז־ברומענדיקע כוואליעס:
(פארשטיין פארוואס די מערב־וואנט געבליבן איז דארט...)
אויסצוגיין פון צער פון דער דאזיקער התגלות.

אויב אין ירושלים הענגען די דייטשע פאן,
זיך פארמעקן דער „שחוק פינו״ אין „שיר המעלות״;
די מאמע רחל אין איר קבר, אין בית לחם;
שטיל־פארשוויגן אין אירע „קול ברמה״־יעלות!

## א שטריך צום אליהו הנביא - פארטרעט

פיר הונדערט קעפ אכזריש אזוי אפגעהאקט,
וואגלט ער, ווי א באשטראפטער, איבער דער וועלט;
ווייל גרימיק־כעסדיק, קנאידיק־צעפלאקערט —
אין א גוי, — האק אין גארטל־שטריק געשטעקט, — פארשטעלם.

אזוי אלע טעג פון א גאנץ יאר, באלאדן
מיט גוטסקייט, מיט בשורות־טובות, מיט גענאד,
צו העלפן ליידנדיקע מיט מתן־בסתר — —
וואגלט ער פארשטעלט — באשטראפט אין זיין נע־ונד.

„עד מתי אתם פוסחים על שני סעיפים?!
אויסגעשריגן פון אים, ווי אין א קללה שיעור,
מוז ער, געבויגן דעם קאפ, אריבערטרעטן,
פסח יעטוועדע שוועל פון א יידישע טיר.

אבער, אז עס וואלט נישט די קנאות־—אלוקים,
אין זיין הארצן דעמלט ווי א שריפה געברענט,
מיט גלות־כף־הקלע נישט באשטראפט געווארן,
ווער די בשורה אין גאר דער וועלט ברענגען געקענט?

„לפני בא יום ד׳ הגדול והנורא״ — —
מיט זיין גארטל־שטריק ער בונדט א בונד אונז צוזאם —
שטאם אויף שייטער־שטיקער צעשפאלטן, צעשטיקלט,
צומאל גלאוונעס אויפגעגאנגענע שוין אין פלאם.



## פסח - באלאדע ה. תשכ״ה

נישט א מעשה ברבי אליעזר ורבי יהושע,
וואס געלעגן אנגעלענט ביים סדר אין בני־ברק,
און זיך דערציילט נסים ונפלאות ביז זון אויפגיי,
נאר איצט היינטיקן פסח, תשכ״ה לפ״ק;
א מעשה, פשוטע פליטים, זיצן ביי א סדר,
געראטעוועטע פון א דייטשן קאצעט־באראק.

פיר טויזנט יאר שוין באלד נאך יציאת מצרים, און
מיר ציילן מכות אלץ פון דער הגדה ארויס — —
נאר, ווי דאס מעגלעך, צומאל קיין צוויי צענדליק יאר נאך נישט,
און שלום על ישראל, פארגעסן און אויס!
איז טאקע אלץ נאר שאכער־מאכער, מסחר, פאליטיק?
א מכה אין פנים — שאנד אונזערע אזוי גרויס.

אז וואס איז מצרים, גושן, עבודת־הפרך,
פתם ורעמסס מיט אלע יסורים און פיין,
א קייגן אשוויץ, מיידאנעק, טרעבלינקע, בוכענוואלד?
פרעה וכל חילו — קייגן איין „עס־עס״ אליין?!
ער בלייבט שטיין אויף זיינע צעשטעלטע צוויי פיס, מיט זיין בייטש:
לינקס — רעכטס! לינקס — רעכטס! ציילט, ווען און אויוון אריין
ס׳זאל גיין.

דער מארגנשטערן וואלט א בלוטיקער אויפגעגאנגען,
און זייער זיך דערציילן קיין סוף נעמט, נישט אויפהערט:
פון ברידער־קברים, לעבעדיקערהייט באגראבענע,
אליין, מיט אייגענע הענט, געמוזט גראבן די ערד — —
און מיט דעם מלכות זדון, מיט דעם שמוציקן בלוט־פאלק,
ברידערשאפט שליסן. האט אזוינס שוין ווער ווען דערהערט?

און ביי „שפוך חמתך״, מען גייט אויפעפענען די טיר,
שטייט אליהו הנביא אין גארטל די האק,
ער קוקט טרויעריק, ער גייט צום טיש, ער טרינקט נישט,
אין כוס קייקלט זיך אריין א טרער פון זיין באק — — —
א מעשה, פשוטע פליטים, זיצן ביים סדר,
געראטעוועטע פון א דייטשן קאצעט־באראק.

## „פארעלטערונג - געזעץ״ (סאנעט)

וואלט געווען א מגיפה, די שווארצע־פעסט,
אויפגעפרעסן פון כאלערע־מיקראבן;
אן ערד־ציטערניש לעבעדיק באגראבן!
מיט א יובל־געקראקע פון זייער נעסט.

איינגעלאַדענע צום פגרים־מתים־פעסט,
אנגעפלויגן אַ מחנה ווילדע ראָבן — —
צו וועם קאָן מען אַ טענה דעמלט האָבן ?
צו דער שטומער ערד, צו אַ מיקראָב וואָס פרעסט ?

אפשר גאָר צו די ראָבן, וואָס געקומען,
און צו דער פעטער סעודה זיך גענומען
ווי די מחותנים, ווי די חשובֿע געסט ?

בלויז אַז מענטשן מענטשן אומזיסט מאָרדן געקעט,
לעבעדיק באַגראָבן, פאַר ערד־מיסט אַש־פאַרברענט —
ס'האַרץ נעמט ציטערן : איוב אַזוינס פאַרגעסן וועסט.

## צום 17'טן יום העצמאות

(וואַריאַציע)

ווי געטלעך גוט איז אונז און ווי מאַיעסטעטיש ווייל,
אַטאָם־באָמבעס מיר האָבן באַלד, נאָך איין ווייל ;
האָקוס־פּאָקוס ! ווייסע טויבן ? אַוויאַציע־באָמבערס,
פליען פון אונזער צעפלאַטערטער פאַטשיילע.

אויף די מויערן, אויף די דעכער, אויף די טורעמס :
„שומר מה מלילה, שומר מה מלילה" !
פאָכען סיגנאַל־פענער די וואַכנדיקע שומרים,
און שטורעם אונזער פלאַטערדיקע פאַטשיילע.

שמשון הגבורס אונזערע, קעפּ צעפלאַשטעטע,
זיך צוואַרפן בלינד אויף נאָסער זכל חילו :
„תמות נפשי" ! און אויפגעוויקלטער פאַלשירעם,
די ווינד־צעפלאַשענע יידישע פאַטשיילע —

ווי סטראַטעגיש־טיף־טראַגיש, ווי הויך דיפּלאָמאַטיש —
ככל הגויים גאָה גאָה און אימה שפּילה :
מיט שילומים־געלדער פון זעקס מיליאָן קדושים,
צדקה תציל ממות קלינגט די פאַטשיילע.

נישט איבער כותל מערבֿי אבן שתיה,
נישט אויף רחל'ס קבֿר, מערת המכפּלה —
איבער דער ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין דייטשלאַנד,
פלאַטערט בלוי־ווייסע פאָן — יידישע פאַטשיילע.

„דערבאַרעמדיקער זאָל דאָך די יידישע מלוכה,
נישט ווערן, חלילה, ווי אַ תפילה טפילה".
שטיי איך ווי מיין טאַטע מיטן פּנים צו מזרח,
געגאַרטלט אין אונזער יידישע פאַטשיילע :



„צי קענען פילן שטיקעלע ערד אונטער די פיס,
באָט, מהו דער הימל זיין ענן וואַפילה ?
די שרעק איבער אונזערע קעפּ" — — וויש איך אויס אַ טרער,
מיט ציטערדיקן שפּיץ פון אונזער פאַטשיילע.

## דער ירדן

געטובלטע אין די ירדן־כוואַלעס,
פון צרעת געריייניקט, פון זינד געוואַשן ;
די פּילגרימס פאַר זייערע חולאים,
געבראַנגט זיך היילנדיק וואַסער אין פלאַשן.

פון די געהייליקטע הלל פּסוקים,
תהלימדיק צעגאָסן איבערן ירדן,
מיר לערנען אַצינד נאָך ווי צו זינגען,
נישט נאָר די מינען־זינגער און די באָרדן —

„עס טאַנצן ווי די באַראַנעס די בערג,
און די בערגלעך ווי די קליינע שעפּסעלעך,
אַרום זיי דער ירדן — אַ רינגל־ראָד,
האָפּסלט הינטערוואַלעך זיינע העפּסעלעך".

פאַלט ער נישט אַריין אין כנרת ים,
ווי פאַלן פון פון אַ ציענדיקן ניגון ?
געשטאַנען כ'בין מיט מיינע פיס אין אים,
געזען דעם חרמון אין טאַנץ זיך מיטוויגן.

## סטראַפּעט

די סטראַשידלע נאָסער

איוב ווי ער סטראַשעט : „עס וועט דער ירדן־טייך
צווישן זיינע ברעגעס נישט פליסן מער",
וועט ער זיך אַ שלאַנג וויקלען אַרום זיין האַלדז
פון אים און זיין גאַץ אויסגעשנאַרעט געוואָר.

אַ שמעק־פּולווער עס זאָל איבערבלייבן,
אָפּגעמעקט פונם פנים פון דער ערד !
„לסיסתי" — פון גאַנצן פלאַקן־סיסער
אויף מזל כאַטש — אַ פּאַדקאָווע פון פערד.

די פאַרשלעפּטע איקומענישע קרענק

ער נעמט זיך ווידער שוין קרענקלעך בויגן הער קרייץ —
האַקנקרייצעריש עקומעניש אויסצוקרימען !

טארקוואמאדיש־סאדיסטיש, צבעותדיק ציניש,
רציחיש די ענציקליקע איבערצושטימען —

פרום־שאקלען דערוויל דעם ציקלאן ווירויך־קעסל,
ביז קרעמאטאריע קוימענס רויכערן וועלן — —
ווי נידריק געפאלן: זיי גייען שוין ווידער,
נישט די צוויי באק — א פיסל אונטערשטעלן.

## פאר ל״ג בעומר ה. תשכ״ה

ס׳וועט ר׳ שמעון בר יחאי הייאר,
אין זיין מערה זיך טיף צעוויינען,
ווייל זיינע תלמידים מיטן שד *,
האבן זיך געטון טון פעראייינען.

טיפסטער סוד ליגט בלוטיק אפגעדעקט —
אן ערווה געשענדעט געווארן!
אין א גל־עצמות פערוואנדלט
ער ווערט, אין זיין טיפן גרימצארן.

### ווייענדיקע וויעטנאם – שרעק

ווילן זיי אויספרווון איצט די וואסער־באמבע אין וויעטנאם,
ווי אין היראשימא אויסגעפריווט די אטאם־באמבע,
און נאך אין טויזנטער יארן ארום בלייבן נאך ברימט:
ווי קונציק געמאכט פון ערד־קיילעך — הייל־קאטאקאמבע?

שיכט אויף שיכט אויסגעלייגטע ליגן גאנצענע מדינות!
און ווי בולט־שארף און ווי מענטשלעך־עכט די רעליעפן — —
ס׳קאן זיך אבער פון באריסט־זיין, בלויז אויסלאזן א ברידעם:
גאנצע ערד אפגעמעקט — — ווער ווייסט וואס ס׳קאן זיך אלץ טרעפן?

## עלזע לאסקער - שילער

### צו מיין קינד

ווידער און ווידער וועסטו מיר
שטארבן ביים אפשייד פון יאר, מיין קינד.

ווען די בלעטער צעווייען
און ס׳ווערן שמאל די צווייגן.

מיט די רויטע רויזן
האסטו דעם טויט ביטער געטרונקען.

ניט איין איינציקער וועלקנדיקער הארצשלאג
האט דיך פארשווינט.



דערפאר וויין איך אזוי שטענדיק . . .
אין דער נאכט פון הארצן מיינעם.

עס זיפצן פון מיר נאך ארויס די דרימלענדיקע לידער,
וואס האבן דיך ארייינגעזיפצט אין טויטשלאף.

און מיינע אויגן באגעגנען זיך ניט מער
מיט דער וועלט.

דאס גרין פון די בלעטער טוט זיי וויי,
— אבער דער אייביקער וואוינט אין מיר.

די ליבע צו דיר איז דאס פארעם־בילד,
וואס מען דארף זיך מאכן פון גאט.

כ׳האב אויך געזען די מלאכים וויינען
אין ווינט און אין שניירעגן.

זיי האבן געשוועבט
אין א הימלישער לופט.

ווען די לבנה שטייט אין איר בלי
איז זי ענלעך צו דיין לעבן, מיין קינד.

און איך וויל ניט אהינקוקן
ווי דער ליכט־שענקענדיקער שמעטערלינג פלאטערט אן זארגן.

קיינמאל האב איך ניט געאנט
דער טויט וועט דיך דערשפירן, מיין קינד — —

און איך ליב די ווענט פון צימער,
וואס כ׳האב באמאלט מיט דיין יינגליש פנים.

און די שטערן היינטיקן חודש
טוען מיט אזוי פיל פונקען ארייינפאלן אין לעבן,
זיי טראפן שווער אראפ אויף מיין הארץ.

(פון דייטש: שמעון וואוזעק)

## פושקין

### דער נביא

געיאגט פון גייסטיקע פארלאנגען
האב איך פון מענטשן זיך געזעגנט,
אין מדבר ווייט אוועקגעגאנגען,
דארט האט א מלאך מיך באגעגנט.

מיט פינגער לייכטע ווי א טרוים
באַרירט ער מײַנע אויגן קוים.
די אויגן הויבן אן צו זען
וואס ס׳וועט זײַן, קלאָר ווי ס׳וואלט געשען.

באַרירט מײַן אויער האט ער בלויז
און עס פילט עס אן א קלאַנג א רויש.
כ׳האב ווי הימלען ציטערן דערהערט,
ווי עס קריכט א וואָרם אונטער דר׳ערד ;

ווי עס וואַקסט א גראָז אין לאַנקע נאסער,
ווי עס שווימט א פיש אונטערן וואסער.
מײַן מויל געעפנט מיט א צוואַנג,
מײַן זינדיק צונג אַרויסגעשניטן ;
אויף א צונג א קלוגן ווי א שלאַנג
האט ער מיט בלוטיק האַנט פאַרביטן.

זײַן שווערד מײַן ברוסט האט אויפגעטרענט,
מײַן האַרץ אַרויסגעריסן דאָרט,
א פלאַמיק קויל, וואס גליט און ברענט,
אַרײַנגעפלאַנצט דאָרט אויף זײַן אָרט.

אין מדבר ליגט ווי טויט מײַן גוף
און כ׳הער א שטימע, גאָטס א רוף :
„שטיי אויף, מײַן נביא, נײַ געבוירן,
פול פון מײַן ווילן און מײַן צאָרן.
שפּריַיז דורך לענדער ווייס און שוואַרץ,
צינד אן מיט ס׳וואָרט דעם מענטשנס האַרץ !“

איבערזעצט פון רוסיש, ש. באַיאַרסקי

## לערמאַנטאָוו

### א מלאך

שטיל האט אין הימל א לידל געקלונגען,
פליענדיק, האט עס א מלאך געזונגען.
וואָלקנס, לבנה און ליכטיקע שטערן
פאַרזאַמלט זיך האבן דעם ניגון צו הערן.

ער זינגט פון די הייליקע גײַסטער, וואס שוועבן
אַרום אין די הימלישע שטעגן ;
פון גאָט דעם אלמעכטיקן זינגט זײַן געזאַנג
און ווי ערלעך געווען איז דער קלאַנג !



א יונגע נשמה האט ער געטראָגן
צום טאָל פון דעם יאָמער און קלאָגן,
און אין איר די טענער פון הייליקן ניגון,
זײַנען גאַנץ טיף שוין אויף אייביק געבליבן.

לאַנג האט זי געוואַנדערט אויף ערדישע וועגן
פון בענקעניש פול און פון שטרעבן.
פאַרבײַטן דעם ניגון ? די לידער פון גויט
האבן אין איר ניט געקענט ביזן טויט !

איבערזעצט פון רוסיש, ש. באַיאַרסקי

## יאָסעף וויטלין

### צו די פּוילישע יידן

ס׳בלוט אין אײַערע אלטע בלוטן, בײַך אין אײַערע אלטע ביינער,
א, ברידער מײַנע אין דער געטאָס, כ׳האב ניט קיין ווערטער אלס מיטליידנער,

אײַער קידוש־השם בלוט אויף די פּוילישע שטיינער ווערט פאַרגליווערט
אײַער קידוש־השם בלוט טראָגט מיט שווערקייט מײַן ליד,
די צעקרישעלטע ביינער אויף די פּוילישע פעלדער ווייסלען זיך,
א הונגעריקער הונט מײַדט זיי אויס : א קללה ווייע פונם סקעלעטענעם ייִד
אײַערע אינערליכקייט צערײַסט דער הונגער, דער רוצח צערײַסט אײַך מיטן

בחנם וואַרט איר אויף א נס, דער טויט וועט אײַך מיט פּאַפּיר אַרומוויקלען,
מיטן פּאַפּיר פונם נײַעם מלאך המות מיט שמוציקע צעשפּרייטע פליגלען
מורמלט איבער מיר א ליידנדיק ליד — אין די שלאַפלאָזע נעכט.

ווו ביסט דו הימלישער מן איבער דער נײַער וועלטישער מדבר ?
ווו ביסט דו משהס שטעקן, וואס מיט דיר ריר האסט דו באַוויזן וווּנדער ?
ס׳זאל רינען און שפּריצן מיט מילך פון די נאַוואַליפּיער שטיינער,
ס׳זאל זיך שיטן פון ציגעלענע געטאָמוירן מעל רײַנער,
ס׳זאל באַוואַקסן מיט ווײַנטרויבן ווי אויפן הר הכרמל,
מיט חלומות פאַרשיכּרסט דיך, מײַן טײַער פרײַנד.
דו וואַרסט אויף הילף פון אמעריקע ווי אמאָל אויף משיחן,
בחנם וועט דײַן יידישער דאָקטאָר אָוועקיאָגן די עפּידעמיעס.
א קריסט וועט דיר ברענגען א קילא קאַרטאָפליעס,
און פאַרסמען וועט זיך דײַן פרעזעס טשערניאַקאָוו.

ס׳בלוט פון אײַער אלט בלוט, סגעביין פון אײַער צעקרישעלטע ביינער,
א מײַנע ברידער, א אומעטיק ליד שיק איך אײַך פון דער ווײַטער פרײַהייט,
הונגער צערײַסט אײַערע אינערליכקייט, דער רוצח צערײַסט אײַך מיט דער
ביקס

בחנם ווארט איר אויף א נס, דער טויט וועט אייך מיט פאפיר פארדעקן.
מיט פאפיר: פונם נייעם מלאך המות מיט שמוציקע פליגלען,
וואס מורמלט איבער מיין וויטאגס ליד אין שלאפלאזע נעכט.

יידיש: משה דאמב

## נ. מ. סידא

# אין אנהויב איז געווען מורא

אזוי ווי דאס קינד הויבט נאר אן סיסטעמאטיש דענקען, הויבט עס אן צו שטעלן צו זיך אליין און צו די דערוואקסענע מענטשן ארום זיך די פראגע: „וואס איז געווען אין אנהויב?“

דער חומש זאגט „בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ“. אין אנהויב איז געווען דער אקט פון שאפן, א ממשותדיקער פראצעס, געבויט אויף א טאט. דער דאזיקער ענטפער איז געווען א געזונטער, קאנסטרוקטיווער ענטפער פון א געזונטן, שאפערישן פאלק.

דער ענטפער איז געבויט אויף א רעליגיעזער קאנצעפציע, וועלכע שטעלט מיט זיך פאר די פרימיטיווע וויסנשאפטלעכע און פילאסאפישע פארשטעלונגען און גלויבן פון פרימיטיוון מענטשן.

גלויבן און דענקען זענען פאר דעם פרימיטיוון מענטש איין הארמאנישע גאנצקייט.

אזוי הויבט זיך אן די מענטשלעכע קולטור.

די רוימישע אינוואזיע האט מיט זיך געבראכט אונטערדריקונג, פון איין זייט, און די צעשטערונג פון אונזער גייסטיקער, הארמאנישער גאנצקייט, פון דער אנדערער זייט. די איינפלוסן פון דער גריכישער פילאסאפיע האבן זיך אנגעהויבן צו פארשפרייטן, די אידעען פון סאקראטעס און אנדערע פילאסאפן האבן געהאט זייער ווירקונג, און דאס קריסטנטום איז ארויסגעוואקסן פון דעם חורבן אלס א פילאסאפישע סינטעזע פון יאוש און אסימילאציע.

„ביים אנהויב איז געווען דאס ווארט“ האט דאס קריסטנטום געזאגט; נישט די טאט נאר דאס ווארט. דאס איז די בלייכע אידעאליסטישע קאנצעפציע פון די אויסגעווארצלטע.

נאר די פראגע איז קיינמאל נישט צופרידן מיט דעם ענטפער, און נאך יעדער קאטאסטראפע שווימט צוריק ארויף די פראגע „וואס איז געווען אין אנהויב?“

* * *

אז איך גיב א טראכט וואס עס איז געשען מיט די זעקס מיליאן אידן אין מזרח־אייראפע באפאלט מיך א שרעק. אז איך דערמאן מיך אין די פאגראמען זע איך די מאכט פון מורא; איך פיל פחד; אז איך טראכט וועגן דער אטאמישער באמבע, זאג איך „אין אנהויב איז געווען מורא“.

און ווער עס פארשטייט דאס נישט, דעם פעלט נישט נאר דער כוח פון דענקען, נאר אויך די פעאיקייט צו פילן.

דער מענטש, וואס ווייסט וועגן אונזער אומגליק; דער מענטש, וואס



האט דאס אלעס געזען און וועגן דעם אלעמען געהערט, אפילו פונדערווייטנס, אויב אים איז נישט באפאלן קיין שרעק, האט ער נישט קיין הארץ און האט נישט קיין מוח.

דאס לעבן איז פול מיט מורא. לעבן איז שרעק, נאר שאפן איז מוט. יעדע פארם פון שאפן פאדערט מוט, דרייסטקייט, קוראזש.

אבער דער מוט באשטייט נישט, לויט מיין מיינונג, בלויז אין פיזישער קראפט און אין דעם באנוצן פיזישן כוח. מוט באשטייט מער אין גייסטיקער קראפט און וואקסט אויף דעם באדן פון סאציאלער הארמאניע.

אלעס, וואס ברענגט נוצן און דינט דעם שלום צווישן מענטשן, פאדערט גייסטיקע אנשטרענגונג און גייסטיקע קראפט און עס פאדערט אמתן מוט.

די שטרעבונג צו פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט, ווי איך האב שוין געזאגט אין מיין בוך, געהער נישט בלויז צו מארקס, לענין, סטאלין, קרושטשאוו און אזוי ווייטער, זי געהער צו דער גאנצער מענטשהייט.

און זי האט זיך אנגעהויבן, ווי די וויסנשאפט פון סאציאלאגיע און אנטראפאלאגיע ווייזט דאס אן, מיט די פרימיטיווע קאמונעס, מיט וועלכע עס קומט דער אנהויב פון מענטשלעכער קולטור. אלע גרויסע דענקער און שאפער, דורך די דורות, האבן געטרוימט וועגן דער פארווירקלכונג פון דער שטרעבונג צו שלום, פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט אין דער קאלעקטיווער הארמאניע פון מענטשלעכן, קאנסטרוקטיוון בויען, נישט אין צעשטערערישן קעמפן.

ישעיהו הנביא איז געווען דער גרויסער פאעט, וואס האט די דאזיקע שטרעבונגען אויסגעדריקט אויף א מייסטערהאפטן אופן. נאר אויב מיר באשרענקען זיך צו טראכטן, אז אויב דער נביא ישעיה האט דאס אזוי שיין געזאגט, איז עס שוין גענוג און מיר מעגן שוין אין דעם פארגעסן, זענען מיר נישט פון זיין שטאם און מיר פארשעמען זיין נאמען.

רעליגיעס לעבן און שטארבן, און נייע קומען אויף. נאר אינגאנצן אן קיין רעליגיע, האלט איך, קענען מענטשן נישט לעבן. מיר זענען נישט תמיד באוואוסט אויף דעם פאקט, אז ווען מיר רעדן וועגן די פשוטסטע זאכן, שליסן מיר אין דעם איין א גלויבן.

דעם פאקט, אז מיר עקזיסטירן, נעמען מיר אן ווי א גלויבן און אלע וויסנשאפטלעכע באווייזן מוזן אויף יעדן געביט פון דענקען און שאפן זיין באזירט אויף „פרעמיסן און פאסטולאטן“; דאס הייסט, אויף זאכן, אין וועלכע מיר גלויבן.

איך גלויב אין מענטשן אלס א געזעלשאפטלעך באשעפעניש. אן דער ארומיקער געזעלשאפט קען דער מענטש נישט לעבן און שאפן. נאר אין דער הארמאניע מיט דער מענטשלעכער געזעלשאפט קען דער יחיד אנטוויקלען זיין גייסטיקן כוח און זיין מוט: נאר אין דער הארמאניע מיט דער מענטשלעכער געזעלשאפט קען דער אינדיווידואום באהערשן זיין מורא פאר אלע שטרויכלונגען, פאר אלע קאטאסטראפעס און אפילו די מורא פארן טויט.

און נאר אין דער געזעלשאפט פון אנדערע מענטשן קען א מענטש גע־

פינען פרייד.

אין דעם גלויב איך און מיט דעם, פיל איך זיכער, בין איך א געטרייע טאכטער פון מיין פאלק.

די באלשעוויקעס האבן אפגעשטעלט דעם פאגראם אין אונזער שטעטל און אין אלע שטעטלעך. דאס וועל איך קיינמאל נישט פארגעסן. זיי האבן אונז גערופן „טאווארישטש" (קאמעראד), נישט „פארכאטי זשיד". איז „קאמעראד" א גוט ווארט און איך בין שטאלץ הערויף.

איך האב אין מיין בוך געפרואווט אויסצודריקן דעם גלויבן אין מענטש, אויף דער ענגלישער שפראך; נאר מיט מיין אידישן טעמפעראמענט. — און איך קען זאגן אפילו מיט א ריין אידישן סטיל. דער איינפלוס פון תלמוד און אפילו פון דער „מליצה", וואס איך האלט פאר א זער שטארקער, קאליר־פולער פארם, איז קלאר אין מיין סטיל. איך בין שטאלץ דערויף, און עס ארט מיך נישט וואס אין די קינסטלעריש־מאגערע יארן האט מען די „מליצה" אויסגעלאכט. די „מליצה" געהער צום הערדאישן און ראמאנטישן סטיל, און איך האלט דאס פאר א רייכער פארם, וואס איז פול מיט געפיל און פארשטעלונגס־קראפט.

עס האט זיך לעצטנס פארשפרייט א מיינונג, אז מיר אידן זענען אנטי־סאציאל, עגאאיסטיש און גיריק. איך האב געפרואווט אין מיין בוך צו דערווייזן מיט לעבעדיקע בילדער, אז מיר זענען פעאיק זיך מוסר־נפש צו זיין פאר גרויסע, מענטשלעכע אידעען.

צווישן אונזערע שונאים זענען אויך פאראן היפאקריטן, וואס פרעטענדירן, אז זיי ווילן אונז „פארענטפערן" און זיי זאגן, אז מיר זענען „נישט אינגאנצן שולדיק אין דעם. אונזערע צרות האבן אונז געמאכט אנטי־סאציאל".

איך האלט, אז אונזערע צרות איז נישט געלונגען אונז צו צעשטערן גייסטיק, און דערפאר איז אונזער גלויבן אין מענטש טאקע דער גרעסטער וואונדער פון דער נאטור.

אפט קריג איך מיך מיט אונזער טראדיציאנעלן גאט, נאר איך טו דאס אלס די טאכטער פון אידישן פאלק. און איך קריג מיך מיט אים פאר די גרויזאמקייטן, וואס זענען געשעען דעם אידישן פאלק. איוב האט זיך אויך געקריגט מיט גאט, און מיר האבן געליטן מער ווי איוב.

אלס אן אינדיווידועלער מענטש גלויב איך נישט אין קיין אביעקטיוון גאט, נאר איך גלויב אין דער נויטווענדיקייט צו גלויבן אין אן אידעאל, וואס איז דאס זעלבע ווי האבן א גאט. מיין גאט איז דער מענטש און זיין געזעלשאפט.

אונזערע שונאים זאגן, אז מיר זענען פאראזיטן, אבער איך דערווייז אין מיין בוך, אז אפילו די פשוטע אידישע קרעמער אין שטעטל האבן שווער און ביטער געהארעוועט און זיי האבן אין זייער צייט געבראכט א גרויסן סאציאלן נוצן מיט זייער ארבעט, שוין אפגערעדט פון די אידישע ארבעטער: די בלעכער און סטאליארעס, די בעקער און שניידער און שיסטער, די שטריקל־דרייער און לעכט־ציער, די קאוואלעס און בעל־עגלות. איינצייטיק ווארף איך אבער נישט אוועק די אידעען פון סאציאליזם און קאמוניזם אין זייער ריינסטער פארם פון



אמתער מענטשן־ליבע.

דאס איז מיין בוך. און אויב עמיצער וויל ווארפן א שטיין אויף מיר פון רעכטס צי פון לינקס, איז, ווי איך האב שוין געזאגט אין מיין בוך, מוז מען זיין צוגעגרייט דערצו, ווייל דאס לעבן איז פול מיט מורא. אבער שאפן איז מוט. מיין מוט איז אין מיין בוך און מיט מיין בוך.

אפשר וועל איך נאך אמאל אנשרייבן אן אנדערן בוך, א גרינגערן, א ווייכערן, א זיסערן, אבער איך וועל קיינמאל מער נישט אנשרייבן א בוך, וואס זאל מיר אזוי ווי טון. דאס איז דער כוח פון מיין בוך, און מיט דעם כוח לעבט ער.

## יחזקאל בראנשטיין

## י. י. שווארץ

(צו זיין ווערן א בן שמונים)

**ביים לייענען** צום צווייטן מאל די גרויס־קינסטלערישע ווערק פון דעם **דיכטער י. י. שווארץ**, רוט אויף דיר די שכינה פון גאר ער יצירה, וואס רייסט דיך מיט און איז דיך משתתף צו דער ביבלישער רואיקייט, דעם עפאס וואס ער זינגט פאר דיר אויס אין דעם לבוש פון א גאר זעלטענער פשטות, וואס באהערשט דיך פולשטענדיק און איז אין דיר אומבאוואוסטזיניק גורם א זעלבסט **דיסציפלין, — איינגעהאלטנקייט** און קארגשאפט פון לייענען, מיט דער אויסשליסלעכער כוונה: צו פארלענגערן דעם פראצעס פון דיין לייענען, און נישט מקצר צו זיין דיין איבערלעבונג און די באהעפטונג דיינע, מיט די העלדן פון זיין עפיק — די זעאונגען זיינע — וואס האט זיך אויסגעשטאלטיקט אין אונד**זער דיכטונג**, מיט דעם פארנעם און דער דויערהאפטיקייט פון א גאר זעלטן מאנומענטאל ווערק, אויף יידיש־קודש.

ביי מיין איינמאליקן באגעגעניש פנים אל פנים מיט דעם דיכטער פון קענטאקי, בין איך פשוט מבולבל געווארן פון דער גרויסקייט פון זיין דיכטערישער פערזענלעכקייט.

פאר מיר איז געשטאנען א הויך־וואוקסיקער מאן, שיין אין אויסזען — אטלעטיש געבויט. און אז איך האב אויף א רגע זיך פארפינטלט אין דעם גיגאנטישן פארנעם פון זיין גייסטיקער עשירות, וואס האט פון אים ארויסגעמוניקט, האב איך זיך גוף—א דערזען אין דער גארער נאקעטקייט פון א קארליק, אין דעם אנגעזיכט פון א ריז, וואס פארטונקלט דיך אינגאנצן מיט דער ריזיקייט און דעם פארנעם פון זיין פערזענלעכקייט, אין דעם אויסלייג פון זיינע דיכטערישע ווערק, פון גאפונג און פון שפאנונג, באוואונדערונג און פארערונג, דאנקבארקייט און פארגעטערונג פון דעם דיכטער און זיין באמת גרויס ליד, האט זיך דער אייביקער שווייגער אין מיר, אויגנבליקלעך פארוואנדלט אין איין שטיק גרויס־שווייגן, וואס האט זיך בלויז באניגנט מיט דעם, וואס ער — י. י. שווארץ — האט געהאט צו זאגן . . .

ביי דעם סאמע בראשית פון אונזער קונסט־ליד אין אמעריקע, ביי דעם

געבענטשטן און פרוכטבארן רעוואלט פון אונדזערע יונגע — האט זיך י. י. שווארץ באלד אויסגעטיילט ווי אן אייגנארטיקע, דיכטערישע פערזענלעכקייט, מיט דער אייגנארטיקייט פון זיין סטיל און לשון, קאלירפולקייט פון זיין טעמאטיק, אויף דער פאן פון א נאציאנאל־יידישער וועלט־אנשויאונג, וואס האט זיך פאר׳כחט און פארפאנצערט מיט דער מעטאפאריק פון ביבלישער מאגיק, ערדישער תמימות און עטישער איינשטעלונג פון זיינע הלעדן בין אדם לחברו, וואס פאלט אזוי צענויף מיט דעם פארזאג פון זיין פאטער:

ניט פארגעס אונדזער גאנג איבער דער וועלט —
זיי א ייד . . . („יונגע יארן", ז. 234).

וואס האט געפונען א קערנדיקן תיקון אין אלע זיינע דיכטערישע ווערק.

די קאלירפולקייט פון זיין דיכטערישער פערזענלעכקייט איז פאַרוואָרצלט אין זיינע שעפערישע מעשים טובים, וואס האבן זיך פאַרגרונטפעסטיקט, ניט נאר אין דעם אויפלויכט פון זיינע אריגינעלע ווערק, נייערט אויך אין זיינע מוסטערהאפטע איבערדיכטונגען אויף יידיש־לשון: אונדזער ליד פון שפאניע, פאעזיע און די לידער פון חיים נחמן ביאליק.

אינטערעסאנט איז, זיין אויסמיידן דעם גראם אין זיין וואגיקסטן, אָריגינעל ווערק — קענטאקי, וואס ער האט אגב שפעטער אויך ממשיך געווען אין זיין וואונדערלעכער פאָעמע יונגע יארן — וואס האט אים אגב ניט געשטערט, מיט אים זיך יא צו באַניצן אויף א גאר געלונגענעם אופן, אין זיינע איבערדיכטונגען פון אונדזער ליד אין שפאַניע, זיין אינהאלטרייכער אַנטאָלאָגיע העברעאישע פאָעזיע, און אויך אין די לידער פון חיים נחמן ביאליק.

פון א גאר גרויסן קולטור־היסטאָרישן ווערט זיינען, זיינע באגלייט־נאָטיצן צו דעם בוך העברעאישע פאָעזיע און די לענגערע, קריטיש־ביאגראפישע עסייען צו יעדן פאָעט פון אונדזער ליד אין שפאַניע, כאטש אין זיינע התנצלות־„באַמערקונגען" צו זיין בוך העברעאישע פאָעזיע, אונטערשטרייכט ער בפירוש:

. . . איך בין ניט אויסן געווען מיט מיין נייעם בוך . . . צו געבן א וויסנשאפטלעכע, קולטור־היסטארישע ארבעט . . . און אז . . . איך האב בלויז געזוכט אין אונדזער אלטער פאָעזיע דאס אייביקע . . . דאס וואס האט אויך א באדייט פאר אונדזער צייט און אונדזער לעבן . . . און פון דעם סכום פון טויזנטער שירים, קינות און פיוטים פון מיטלאלטער באטאנט ער — האב איך אויסגעקליבן יענע לידער, וואס זיינען כאראקטעריסטיש פאר זייער תקופה און וועלכע האבן נאך ניט פארלוירן זייער לעבעדיקן אטעם . . . אט די און וועלכע האבן נאך ניט פארלוירן זייער לעבעדיקן אטעם . . .

אט די עסייען זיינע, פיבערן ממש מיט דעם בה פון געזונטער אנאליטיק, וואס זיינען בלויז אייגן גרויסע פאעטן, וואס זיינען גלייכצייטיק אויך — גרויסע ערודיטן, וואס בלאנדזשען ניט אין דעם געבוי פון זייער אייגענעם ליד, און זיי קענען צוליב דעם זיך טאקע אויך איינלעבן, אויסטייטשן און אנאליזירן די סטרוקטור, תוכן, פארנעם און ווערט פון דער דיכטונג פון אנדערע, שעפערישע פאעטן.



די איבערדיכטונג פון זיין העברעאישע פאעזיע איז גרויס אין דעם פארנעם פון איר אויסלייג דערמיט, וואס זי נעמט ארום אונדזער דיכטונג פון אלטע צייטן אין מיטלאלטער, אנהויבנדיק פון שמעון בן־סירא, וואס האט געשאפן זיין דיכטונג אין אזא ווייטן צייט־אפשניט . . . מיט 103. יאר פריער פון דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג . . . ביז די תקופה פון השכלה, וואס ווערט דערפירט צום געזאנג פון דעם פאעט אהרן קאמינקא.

ביים לייענען די דערמאנטע, אגב — צימצומדיקע, קריטיש־ביאגראפישע עסייען, גאפן מיר פשוט פון י. י. שווארצס חריפות, זיינע אויסדרוקט־פייאיקייטן אין פראזע, פון זיין אפשאץ און אנאליז פון די קינסטלערישע ווערק פון זיין בוך העברעאישע פאעזיע איז קאנטיק, אז אונזער היינטצייטיקע דיכטונג אויף יידיש לשון, רייך אין לשון, פארם און אינהאלט — האט י. י. שווארץ פארלוירן א גואל, וואס צויבערט מיט דער עכטקייט און אן פניותדיקייט פון א גרויסן דיכטער, וואס האט אויך זיכער געקאנט זיין אן עכטער און וואגיקער ליטעראטור־קריטיקער.

## ש. י. דארפזאן

## מיין בן עיר, פישל בימקא, ז״ל

איך דערמאן זיך, ווי דאס וואלט ערשט נעכטן געווען:

אין א שבתדיקן זומער־פארמיטיק פונעם יאר 1915, אינעם קעלצער שטאָטישן גארטן. איך בין געזעסן אויף א באנק, פארטיפט אין לייענען א יידיש בוך, קומט צו פישל בימקא, וועלכן איך האב נישט געקאנט פערזענלעך, נאר פון זיין ערשט־לינג ביכל „די עבירה", און זאגט צו מיר:

„איך האב געהערט, אז דו „זינדיקסט אויך מיט דער פען"; אנו, וויז מיר, וואס דו האסט שוין אויפגעטאן.

דעם אמת געזאגט, בין איך געווען איבעראשט פון דער פריינטלעכער צוגעלאזנקייט פון דעם עלטערן, צו מיר, פישל בימקא, וואס איז שוין געווען באקאנט מיט זיינע דערפאלגרייכע שאפונגען, אין פראזע, און בעיקר דורך זיין פיעסע, „ביים ברעג ווייסל", וואס איז אויפגעפירט געווארן אין לאדזשער יידישן טעאטער, און א דראמאטישע טרופע האט זיך צוגעגרייט צו שפילן די פיעסע אין קעלצער שטאטישן טעאטער.

זינט יענעם שבתדיקן פארמיטיק, זענען מיר געווארן אמתדיקע פריינט, הגם מיר האבן צווישן זיך נישט געפירט קיין קארעספאנדענץ און אפילו זיך נישט געזען, ביז מיט א 10 יאר צוריק, ווען פישל בימקא איז געווען אין לאנדאן, אויף זיין נסיעה פון ניו יארק קיין ישראל.

---

אזוי איז געווען דער נפטר, פישל בימקא, ז״ל, וואס איז מיט עטלעכע וואכן צוריק פלוצים געשטארבן אין ניו יארק, אינעם עלטער פון 75 יאר.

נישט געקוקט אויף זיינע דערפאלגן, ווי א יידישער שרייבער, אין פוילן, האט ער אינעם יאר 1921 אויסגעוואנדערט קיין ניו יארק און שווער געקעמפט

פאר „דעם ביסל לעבן״, ווי פישל האט געפלעגט זיך אויסצודריקן. ער האט צו קיינעם נישט געהאט קיין טענות. וואס מען האט אויף דאס טאלאנטירטן יידישן שרייבער „נישט צוגעלאזט״ צום עמוד און נישט געוואלט אנערקענען זיין שריפטשטעלערישן טאלאנט. ער איז געווען צו־היימיש, צו־ערלעך און צו־אויפריכטיק, נישט בלויז צו שרייבער־קאלעגן, נייערט אויך צו באקאנטע, וואס האט אזוי הארמאניזירט מיט זיין פריילעכן געמיט.

איך האב שפעטער זיך באקאנט מיט פישל בימקאס עלטערן און מיט דער סביבה פון דעם ארבעטסזאמען שריפטשטעלער און דראמאטורג. אבער זיינע עלטערן האבן ניט שטארק „געהאלטן״ פון זייער „אומגעראטענעם זון״, וואס „מאכט זיך נאריש מיט שרייבערישע זאכן״, באשר פון „דער פען״ קאן א ייד נישט מאכן פרנסה.

ווען פישל האט חתונה געהאט מיט זיין פרוי ליאנא (וואס איז אויף א טראגישן אופן אומגעקומען אין א בעוויקארקער גאס פון אן אויטא״) — האט זיך זיין מאטעריעלע מערכה נישט געבעסערט. בימקא איז אויך אין זיין נייער היים, אין ניו יארק, געווען שרייבעריש טעטיק. אבער ער האט נישט געקאנט „מאכן א לעבן״ און מפרנס זיין זיין משפחה. פישל האט שווער געקעמפט פאר זיין בידנער חיונה אינעם „גאלדענעם לאנד״, ביז זיין פרוי איז געווארן די פרנסה געבערין. זי האט געעפנט א „בארדינג־הויז״, שפעטער אנגעהויבן צו האנדלען מיט בארדינג הייזער, ביז זי האט מצליח געווען און געמאכט — ווי פישל בימקא האט מיר דערציילט אויף זיין געשמאקן, מחיהדיקן קעלצער יידיש — „די אמתדיקע אפוטיקא״.

---

איז פישל בימקא אויך מער נישט צווישן די לעבעדיקע. דער אומפארמיידלעכער טויט האט אים גובר געווען. — איך בין געזונט, ווי א דעמב״ — האט ער מיר געזאגט ביי אונדזער לאנדאנער באגעגניש, און איך גרייט זיך אנצושרייבן א טריאלאגיע פון אונדזער שטאט קעלץ און די שכנותדיקע שטעטלעך.

פישל בימקא האט געלעבט אין אמעריקע, איבער 40 יאר פון זיין לעבן. אבער ער איז כסדר געווען פארווארצלט מיט דער פוילישער ערד און געאטעמט מיטן פול בלוטיקן לעבן פון זיינע העלדן אין די דראמעס „גנבים״, „ביים ברעג ווייסל״, און מיט די קרעפטיקע פראזע שילדערונגען פון זיינע ווערק.

פישל בימקא האט זיך נישט געקאנט אקלימאטיזירן מיטן יידישן שטייגער לעבן פון דער ניו יארקער „איסט־סייד״; די „בארדינג הייזער״ זענען אים געווען פרעמד.

„איך וויל א פאס מיט טינט, א טוץ פעדערס, א לאבן ברויט און א טרונק מיט וואסער״ — האט ער מיר געזאגט אין לאנדאן — און איך בין דער גליקלעכסטער מענטש״.

פישל בימקא האט זיך „נישט אויסגעלעבט״, אין זיין ניו יארקער היים. ער האט נישט געהאט די נייטיקע חברישע סביבה. ער האט נישט פארגעסן די ביטערע יארן פון קאמף און נויט אין ניו יארק, ביז זיין ענערגישע — אזוי טראגיש אומגעקומענע ליאניא. האט אים ארויסגעראטעוועט פון דעם עקאנא־



מישן אפגרונט.

איז פישל בימקא אויך שוין אוועק אין דער „אייביקייט״ . . . ער האט איבערגעלאזט דער יידישער ליטעראטור א גאר גרויסע ירושה. אבער עס פעלן צו דער ירושה „די יורשים״, וואס זאלן לייענען און פארשטיין בימקאס קרעפטיקע פראזע ווערק און דראמאטישע שאפונגען, וואס ליגן איצט, ווי פאריתומטע אבלים, אויף אונדזערע פאליצעס . . .



„זיג״ איבער וויעטנאם פ.

## לאנדאן קולטור ידיעות

דעם דריטן אפריל האט פריינט פון יידיש־לשון געפייערט ביים יידיש־ליטעראריש שבת נאכמיטאג, די 50׳סטע יארצייט פון גרויסן קלאסיקער י. ל. פרץ. עס האבן זיך באטייליקט מיט לייענען רעציטירן זינגען פרצעס דערציילונגען און לידער דער באקאנטער אקטיאר יידל גאלדבערג, אייזיק גאלדבערג, נעט רובין נ. ח. בענקוויטש און מנשה ווייסגראז.

• • •

אחרון־של פסח איז געווען געווידמעט פרצעס חסידישע דערציילונגען, שבת דעם 29׳סטן וועט מען לייענען פרצעס פאלקסטימלעכע דערציילונגען.

• • •

זונטיק, דעם 16׳טן מאי, 3 אזייגער קומט פאר אין ארבעטער־רינג א פרץ פייערונג.

זונטיק דעם 30׳סטן מאי אנפענגען איין פריינט פון יידיש לשון אין בן אורי א פרץ פייערונג.

• • •

דער וועלט־קאנגרעס גרייט צו אן אוונט לכבוד די פרץ־יארצייט.

• • •

ביי דער גרויס 19׳טער אפריל הזכרה האט דער אקטיאר יידל גאלדבערג געלייענט פון מיכאל זילבערבערגס נאטיצן פון דער ווארשעווער געטא. חזן האס האט געמאכט די הזכרה.

• • •

דאס אקטיארן פאר סעם גאלדבערג און מאדאם וויגאגראד האבן געהאט אן אוונט אין דער וועסט ענד וואס איז אדורך מיט גרויס דערפאלג.

257

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7־6 (העפט 3־402) זעקס און צוואנציקסטער יאר יוני־יולי 1965 לאנדאן

א י נ ה א ל ט :

לע׳עלעס קומענדיקן חודש צוגאסט אין לאנדאן, צייט־לידער, דער ישראל
עמבלעם, דאס יינגעלע פונם פארלוירענעם פייגעלע ... *** 1
א הקדמה פארן לייענען די ספרים פון די נביאים (עסיי) ... יעקב ריכטיגער 8
אין צוג (ליד) ... יוסף לעפטוויטש 12
ערגעץ־ווו (ליד) ... עלא זילבערג 12
מיטן איבערשטנס הילף (דערציילונג) ... יורי זוהל 13
אויב גאטס געגאד (ליד) ... שמעון וווזעק 16
אריינפיר, ערד (פראזע) ... א. נ. שטענצל 17
ירושלים (ליד) ... עלזע לאסקער־שילער 31
לאזער בער גאלדשטיין ע״ה (נעקראלאג) ... נ. רובין 32
מרים מאזעס עליה השלום (נעקראלאג) ... עדיטה ראמזיי 32
וועגן יידישע ביכער אין סאוויעטן פארבאנד ... משה בעקערמאן 33
לאנדאנער קולטור ידיעות, רעדאקציע־נאטיץ

## יידיש - ליטעראריש שבת - נאכמיטאגס — דריי וואכן געשלאסן

## א גרויסע מציאה

א יידישע ביבלאטעק: קלאסיקער, מאדערנע ליטעראטור און וויסנשאפט.

אדרעס:

Miss. Y. Beach, 1 Holmdale, W.

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

**פרייז 2 שילינג**

**אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר**

**אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר**

**אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:—**

'LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

***Published and Edited by*** A. N. Stencl, ***17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,*** 129-131 ***Cavell Sreet, London, E.1***

ביי דער וויצא 19'טן אפריל פארזאמלונג אין אדלער־האל האט חזן ברוך סמוס געמאכט די הזכרה, רעוו גייער ראט גערעדט.

* * *

ביי דער הזכרה איינגעארדנט פון „פריינט פון יידיש לשון", בונד און „רידינג רום" האבן גערעדט מיכאל זילבערבערג, מאיר באגדאנסקי, די ליכט אנגעצונד י. בירנבוים, די הזכרה האט געמאכט דער באקאנטער אקטיאר לעאן בלומענזאן. מיט געטא־שאפונגען רעציטירן האבן זיך באטייליקט דער באקאנטער אקטיאר יידל גאלדבערג און נעט רובין.

* * *

דער שרייבער קארנהענדלער פון פאריז קומט אויף א באזוך קיין לאנדאן.

* * *

סעם לעוו, וואס איז געווען דער לאנדאנער דעלעגאט פון בונד־גרופע ביי דער בונדישער קאנפערענץ אין אמעריקע האט ביים שבת נאכמיטאג דערציילט זיינע איינדרוקן.

* * *

אין הויז פון פרוי לעווי האבן זיך פארזאמלט א גרופע שרייבער און פריינט אין טאג פון דער 10 טער יאצייט פון איר מאן דעם פאעט י. ה. לעוו. עס איז אויך גערעדט געווארן איבער די שאפונגען פון י. ה. לעוו ביי דער לעבעדיקער צייטונג איינקעארדנט פון וועלט־קאנגרעס און שרייבער־פעראיין און אויך ביי די שבת־נאכמיטאגס.

* * *

דער רב פון פויליש־גאליצישן חסידים־שטיבל הרב מושל איז נפטר געווארן.

צו דער ערשטער יארצייט פ׳נם לאנדאנער באקאנטן רב רבי יהשע שפעטמאן ז״ל, איז אויפגעשטעלט געווארן די מצבה, ביי וועלכער עס איז צונויפגעקומען א גרויסער עולם און באקאנט לאנדאנער רבנים און דיינים האבן גערעדט איבער די מעלות פונם נפטר ז״ל.

* * *

צו דער ערשטער יארצייט פון פרוי בעקערמאן די פרוי פון שרייבער משה בעקערמאן איז געשטעלט געווארן די מצבה.

* * *

אין לאנדאן דאס הבימה טעאטער אויפגעפירט דעם דיבוק מיט גרויס דערפאלג. קומענדיקן חודש קומט א גרעסערע רעצענזיע איבער דער אויפירונג „די גבורה פון דיבוק" געשריבן פון דר. מאיר גערטנער.

* * *

י. ח. בענקוויטש צוריקקומענדיק פון זיין נסיעה האט דערציילט זיינע איינדרוקן ביים שבת נאכמיטאג.

* * *

די פרייער ארבעטער־שטימע גרופע האט אין ארבעטער־רינג געפייערט ביי א גלעזל טיי דעם ערשטן מאי.

* * *

ביי דער בונדישער גרופע האט סעם לעוו אפגעגעבן א באריכט פון דער בונדישער קאנפערענץ אין ניו יארק ווו ער איז געווען ווי א לאנדאנער דעלעגאט.

* * *

א. מ. קייזער פארט אויף נסיעה קיין ישראל באגלייט פון זיין פרוי.

## יידיש ליטעראריש שבת נאכמיטאגס

העינריקעס סטר. 33 (געוועזענע בערנער סטר.) בערנארד באראן סעטלמענט
3 אזייגער

שבת, דעם 8'טן מאי — יום עצמאות פייערונג: עס באטייליקן זיך מיט רעדעס יעקב ריכטיגער, ח. נ. בענקוויטש, מיט רעציטירן ישראל־שאפונגען: מנשה וויסגראז, נעט רובין; זינגען ישראל לידער מאדאם נאדלער.

שבת דעם 15 מאי — וועט מלכה ליכטנשטיין דערציילן פון אירע נסיעה איינדרוק אין ארגענטינע און בעלא ווינער וועט לייענען פון די שאפונגען פון די דארטיקע שרייבער, אליהו זאמעק וועט זינגען פאלקס לידער.

שבת, דעם 22'סטן וועט סעם לעוו האלטן א פארטראג איבער זיינע איינדריקן פון יידישן לעבן אין ניו־יארק.

שבת, דעם 29'סטן — געווידמען די עסייען אין פעליעטאנען פון י. ל. פרץ.

שבת, דעם 7'טן יוני — א פארטראג פון שרייבער קארנהענדלער פון פאריז.